קרית ברסלב בלעטל
פרשת יתרו · תשפ"ה
שנה ה' נומער 255

- **הילולא קדישא:** מוהרא"ש זי"ע
- **איבער אלץ און אלעמען:** די קאליר פונעם הימל
- **נייע פארזעצונג:** ווארימע פרעסטן



צענטע יארצייט פון אונזער רבי - אונזער טאטע

# מוהרא"ש זכותו יגן עלינו

י"ז שבט תשע"ה - תשפ"ה

גרויסארטיגער סעודת הילולא דעם מוצאי שבת קודש

אין די זאַל פון HCS רעזארט
720 Heiden Rd, South Fallsburg, NY 12779

# קרית ברסלב בלעטל

255 • פרשת יתרו תשפ"ה

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער

**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00





## א מיליאן פינטלעך!
8



## ווערים אין די ברויט!
11



## א ישועה נאך 20 יאר!
16

7 אלץ און אלעמען

13 היכל הלכה

21 ברסלב'ע שטוב

35 קינדער בלעטל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

איף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

איף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


**זמנים**
יתרו י"ז שבט

הדלקת הנרות . 05:13
מוצאי שבת ..... 06:44

**מנחה מעריב**
**פרשת משפטים 6:30**












# מִיט וָואס קֶענֶען מִיר נָאכְטוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?!

## שאלה

מִיר בְּרֶענְגֶען אֵייךְ אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס אִיז מֵעִנְיָנָא דְּיוֹמָא פוּן דִי יָארְצַייט.

**מִיט וָואס קֶענֶען מִיר נָאכְטוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?**



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ - צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אוּנְזֶער דוֹר: מוֹהֲרָא"ש זי"ע.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַּארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרוּקְט סְפָרִים אוּן דָאס פַּארְשְׁפְּרֵייט; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְטוּן, מִיר דַארְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים, בִּפְרַט דִי בְּרִיוו פוּן אַשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יז): "אוּן אָט מוּז אִיךְ מְגַלֶה דַעַת זַיין בָּרַבִּים אַז פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט מֶענְטְשְׁן, פוּן יָאר ה'תשכ"ד אוּן בְּעִיקָר פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה תשכ"ד, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, וָואס פוּן דֶעם הָאט מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעדְרוּקְט נֵיין אוּן אַכְצִיג חֲלָקִים פוּנֶעם סֵפֶר שׁוּ"ת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָואס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אִיבֶּער צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָא גְרֵייט צוּם דְרוּק נָאךְ אִיבֶּער פוּפְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, זֶעט אָפְּצוּדְרוּקְן פַאר מִיר דִי אַלֶע בְּרִיוְון, אוּן מֶען זָאל דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן "כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן, נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. וֵוייל דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, דֶערִיבֶּער אִיז וואוּיל פַאר דֶער וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

# פנינים

# מיט טיילן ווייטער!

כ״ב שבט, תרכ״ט, הונדערט זעקס און זעכציג יאר צוריק איז געווען א היסטארישע טאג אין כלל ישראל, אין די אנגייענדע הייליגע מלחמה וואס די ערליכע רבנים האבן מלחמה געהאלטן קעגן די משכילים און מתחדשים, איז באשטימט געווארן למורת רוחם פון די ערליכע רבנים צו אפהאלטן א קאנגרעס פון אלע פארשטייער פון אלע שטעט אין קהילות, אוועקצושטעלן א קערפערשאפט וואס זאל שטיין אין שפיץ פון אלע קהילות, די קאנגרעס איז באשטימט געווארן צו ווערן אפגעהאלטן פון ראש חודש טבת ביז י״ב אדר, אין יאר תרכ״ט.

דער פארשטייער פון די פארשאלטענע משכילים האט געעפנט דעם קאנגרעס, און ער האט פארגעשטעלט די טעכנישע חלקים ווי אזוי די צאמקום גייט ארבעטן. אין די ערשטע פאר וואכן האט מען געקייעט וואסער, ווי צום ביישפיל ווער עס זאל זיין דער פארזיצער פון די קערפערשאפט, און ווער עס זאל פארנעמען די אמטן און שטעלעס וכדומה, די מתחדשים האבן גע׳טענה׳ט אז זיי זענען די רוב, און אחרי רבים להטות, ווידערום די ערליכע אידן האבן גע׳טענה׳ט אז קעגן די הייליגע תורה איז נישטא קיין רוב...

די מכה בפטיש איז געווען, ווען מ׳האט זיך גע׳טענה׳ט גאנצע דריי טעג אויף א סעיף וואס די מתחדשים האבן געוואלט אוועקשטעלן, אז יעדע קיבוץ פון אידן וואס ווילן זיין א קהילה פאר זיך - מעגן בויען א שול, א מקוה און א בית החיים, אויפנעמען א רב, דיין און שוחט, און אויפשטעלן א פלאץ צו לערנען פאר די קינדער, די ערליכע אידן האבן פארלאנגט צוצולייגן די ווערטער ״און וואס פירן זיך לויט די שולחן ערוך״, אויף וואס די מתחדשים האבן זיך פארשטייט זיך - קעגן געשטעלט, צום סוף האבן די מתחדשים דערקלערט אז ׳אין לנו חלק ונחלה בשלחן ערוך ופסקיו׳ רחמנא לצלן.

דאן האט זיך אויפגעשטעלט דער גרויסער גאון, דער אוהעל׳ער רב, רבי ירמי׳ לעוו זכותו יגן עלינו, און אויסגערופן מיט א הויך קול: ״פארשאלטן זאל זיין דער וואס בלייבט זיצן אין דעם מושב החטאים״, דער עלטערער גאון רבי יהודה אסאד זכותו יגן עלינו האט געריסן קריעה, און אלע ערליכע אידן האבן זיך אויפגעהויבן און פארלאזט דאס פלאץ.

אין דעם טאג, כ״ב שבט, איז די אפטיילונג פון די מתחדשים געווארן אפיציעל, און די ערליכע אידן האבן אנטשלאסענערהייט אויסגערופן: ״מי לה׳ אלי״, מ׳האט נישט קיין חלק מיט די מתחדשים, און מ׳וועט קעמפן קעגן די מתחדשים מדור לדור.

***

ביים ליל שישי שיעור פרשת בראשית, תשע״ג, האט מוהרא״ש זכותו יגן עלינו דערמאנט דעם טיילונג, און גערעדט איבער א באקאנטע מאמר פון הגאון רבי מאיר שפירא זכותו יגן עלינו, דאס איז געדרוקט אין קונטרס ״וואס איז נייעס״, מוהרא״ש האט געזאגט: דער גרויסער גאון רבי מאיר שפירא זצ״ל, האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים, מען זעט אז אין אונגארן איז געבליבן די אידישקייט, ווייל אין פרעשבורג איז געווען דער הייליגער חתם סופר זי״ע, און ער האט געמאכט א שניט, אז מיט געמיינע מענטשן און אפיקורסים האט מען נישט צוטון, און מען זאל נישט אויפקומען מיט נייע ווענן; נישט ווייט פון ׳פרעשבורג׳ איז דער שטאט ׳פראג׳, וואס דארט האט מען יא אנגעהויבן מיט פשרות, ׳איך וועל נאכגעבן אביסל און דו וועסט נאכגעבן אביסל׳, - האט ער אויסגעפירט - אז מען זעט אז אין פראג איז נישט געבליבן די המשך פון אידישקייט, נאר אלטע מציבות פון הונדערטער יארן צוריק פון גדולי ישראל וואס האבן דארטן געוואוינט, אבער אין פרעשבורג האט זיך יא געצויגן דער המשך פון אידישקייט, דורכן הייליגן חתם סופר זי״ע און זיינע תלמידים, און עד היום ווער ווייסט נישט פונעם הייליגן חתם סופר? ווייל אז מען גייט מיט תמימות, איז מען מצליח, אזוי ווי דער טבע פון אן אונגארישער איד איז, אז ער גייט גראד, און דארט האט מען מצליח געווען צו מאכן דער טיילונג, אז אויב איז מען א נעלאג, האט מען מער גארנישט צוטון מיט אים, ע״כ.

***

מיר וועלן נישט אראפברענגען דא דעם לענגערן מאמר, נאר בלויז אנרירן דעם תוכן אויפן שפיץ גאפל. פאר קרוב צו אכט הונדערט יאר, מיט קליינע הפסקות איז פראג געווען איינע פון די שענסטע און בליענדסטע אידישע קהילות, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאנען די בארימסטע גדולי ישראל, מיטאמאל, די צווייטע העלפט פון די ת״ר יארן האט זיך דאס אלעס געענדערט, און פראג איז נישט מער געווען די זעלבע; וואס האט פאסירט? אויף דעם האט געגעבן אן ענטפער דער לובלינער רב, הרב רבי מאיר שפירא זכותו יגן עלינו, ווען ער האט ערגעץ אין די תר״פ יארן ארומגערייזט אינעם לאנד טשעכעסלאוואקיע, וואו ער האט באזוכט פראג און פרעשבורג,

יואל שניצלער

און דאן פארעפענטליכט א מאמר מיט א טיטול: "דער חתם סופר האט געזיגט", ווי רבי מאיר שפירא ברענגט ארויס די חילוק פון די וועג פון די ערליכע אידן, און ווי אזוי זייער וועג, די ערליכע תורה וועג, האט ווייטער געשפרודלט און געהאט א קיום, און ליידער ווי די וועג פון די מתחדשים האט געפירט צו אפלאזן און זיך דערווייטערן פון אידישן וועג רחמנא לצלן.

* * *

אין די פריע ת"ש יארן איז אראפגעקומען א ליכטיגקייט אויף די וועלט, עס איז געבוירן געווארן דער צדיק מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, און ביי די 16 יאר איז ער מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, ווען עס האט זיך אנגעצינדן אין אים - און דורכדעם ביי גאנץ כלל ישראל - די פלאקערדיגע פייער, וואס דער רבי האט געזאגט - וועט ברענען און טליען ביז משיח וועט קומען.

מוהרא"ש האט אבער מיט זיין גוטע הארץ און בחסדי שמים - נישט געהאלטן דעם ליכטיגקייט פאר זיך, נאר מוהרא"ש האט גענומען אלס זיין לעבנס מיסיע און ציל צו מאכן א טיילונג, מיטטיילן די ערליכע עצות און חיזוק, שכל און לימודים מיט די וועלט, דאס טיילן פאר די וועלט, אנשים, נשים וטף, פון אלע סארט; כדי מען זאל זיך ווייטער קענען פירן אויף די ערליכע אידישע וועג, און נישט ווערן איבערגענומען פון די מתחדשים און נסיונות הדור.

מוהרא"ש האט קודם געטיילט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, דאס פארשפרייט פאר אלע שכבות העם, אין אלע לענדער און שטעט, ספרים וואס האבן זיך נישט אזוי געטיילט פארדעם... נאר איז געווען צו באקומען פאר גאר טייער געלט, וואס א געוועגליכער מענטש האט זיך דאס נישט געקענט ערלויבן.

נאכדעם האט מוהרא"ש אנגעהויבן צו טיילן די ערליכע בריוון פון אשר בנחל און די פילצאליגע קונטרסים וואס האט צוגעטיילט אמונה פאר אידישע קינדער, אריינגעברענגט אין די וועלט א ריינע לויטערע אמונה אינעם אייבערשטן און אין צדיקים, אויך אין די וואס דער ס"מ האט זיי איינגערעדט אז זיי זענען ח"ו אפגעטיילט פונעם אייבערשטן, צוליב זייערע עבירות, אדער סתם דמיונות און איינרעדענישן, מוהרא"ש האט אויסגעלערנט צו נעמען א טייל פון די מינוטן און שעות פון טאג און דאס אויסניצן צו רעדן צום אייבערשטן, אים דאנקען און אים בעטן אלעס וואס מען דארף..

> מוהרא"ש האט גענומען אלס זיין לעבנס מיסיע און ציל צו מאכן א טיילונג, מיטטיילן די ערליכע עצות און חיזוק, שכל און לימודים מיט די וועלט.

מוהרא"ש האט געטיילט די הייליגע ספרים און קונטרסים פאר מענער און פרויען וואס האבן געמיינט אז זיי דארפן זיך חס ושלום שיידן און זיך טיילן, און מוהרא"ש האט זיי ליכטיגע געמאכט דאס לעבן און זיי געוויזן א וועג ווי אזוי מ'קען לעבן באהבה אחוה שלום וריעות, אן קיין שמעק פון זיין אפגעטיילט ח"ו.

מוהרא"ש האט געטיילט די הייליגע ספרים און קונטרסים פאר אידישע קינדער, זיי צו ווייזן א וועג נישט צו זיין אפגעטיילט פון די הייליגע תורה, מוהרא"ש ווייזט פאר יעדע אידיש קינד ווי אזוי ער קען אויך האבן א טייל אין די תורה, נישט קיין חילוק ווי אפגעטיילט ער איז פון הבנה, גוטע קאפ, מיטמאכענישן, געזונט, וכדומה, נאר אלע וואס האבן אנטייל גענומען ביי מתן תורה, אלע אונזערע נשמות, קענען האבן א טייל אין לימוד התורה, און אין זיך פירן בדרך התורה.

מוהרא"ש האט געטיילט די הייליגע ספרים און קונטרסים פאר בחורים און מיידלעך, וועלכע האבן זיך איינגערעדט אז זייער נסיונות און דורכפעלער טיילן זיי אפ פונעם אייבערשטן, מוהרא"ש האט גאר געזאגט אז ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט צו זיס מאכן און שטארקן בחורים און מיידלעך, זיי מחזק זיין אז נאך אביסל, ווען זיי וועלן טרעפן זייער אנדערע טייל, וועט זיי זיין זיס, געשמאק און ליכטיג.

צווישן די אלע טיילונגען איז אין זומער פון שנת תשס"ד פארטיילט געווארן אין אונגווארער בית המדרש אין בארא פארק א קליין ספר'ל, אשר בנחל חלק כז, פאר אונזער געטרייער און איבערגעגעבענער ראש ישיבה שליט"א, דאן האט זיך צוביסליך אנגעהויבן א פרישע טיילונג פון די ערליכע עצות, שכל און לימודים פון הייליגן רבי'ן לויט די אויסגעטרעטענע וועג פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, א נייע שיינע וועג פאר די וואס ווילן זיין א טייל פון היכל הקודש, מיט שולן און מוסדות אין היימישע ארבטיילן פון כלל ישראל.

דער ראש ישיבה טיילט אוועק זיין גאנצע כח און מח אונז צו מחזק זיין און מיטטיילן די שיינע לעבן וואס מוהרא"ש האט אונז מיטגעטיילט, דער ראש ישיבה טיילט אוועק זיין טייערע צייט אונז צו שרייבן בריוון פון ספר עצתו אמונה, שפתי תפתח, און נאך ספרים, און אונז געבן שיעורים אויף אלע טיילן פון לעבן און פון אידישקייט.

לאמיר אלזא אויך נעמען א טייל אין מאכן א טיילונג פון די ערליכע ספרים און קונטרסים, גליונות, קארטלעך און סידיס, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו קומען אין גיכן מיט משיח צדקינו אין אונזער ארבטייל אין ירושלים עיר הקודש, אמן.

# היכל הקודש
# נייעס



קרית יואל

## בית המדרש היכל הקודש עצי תמרים - קרית יואל ווערט איבערגעפרישט

בשנת תשע"ד האט מוהרא"ש זי"ע געזאגט אין א שמועס פאר די אינגעלייט פון קרית יואל אז היות דער בית המדרש אויף העיס - דער ערשטער בית המדרש אין שטאט איז שוין אויסגעוואקסן, איז א שאד מ'זאל נישט עפענען אין עצי תמרים געגנט נאך א פינת יקרת.

אומר ועושה, די אינגעלייט פון די געגנט האבן זיך אנגעהויבן צוזאם נעמען יעדן שבת צוערשט אויף צפת רד. - מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו האט אוועקגעגעבן זיין שטוב מען זאל דארט קענען דאווענען די דריי תפילות שבת קודש.

שפעטער האט מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו מנדב געווען די בעיסמענט פון זיין הויז אויף 8 פרעמישלאן רד. אז מען זאל דארט קענען גרינדן א פערמענאנטע בית המדרש - אנשי שלומינו האבן זיך שטארק אוועקגעגעבן עס צו קענען אויפבויען, בפרט האט זיך מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו ארייגעלייגט עס צו קענען אויפבויען לשם ולתפארת.

דער בית המדרש איז א הערליכער ווינקל לתורה ויראת שמים וואס גייט שוין אן איבער צען יאר צום גוטן, און מיט דעם איז מען מקיים דעם רבינ'ס ווערטער אז מען דארף מאכן קוועלער איבעראל, כדי יעדער איד זאל קענען האבן א פלאץ וואו מען זאל קענען אנשעפן חיזוק.

עס איז גאר געשמאק אריינצוקומען אין בית המדרש און באגעגענען דעם געטרייען גבאי מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו, וואס נעמט אלעמען אויף מיט זיין סבר פנים יפות, אלע שכנים פון נאנט און ווייט ווערן צוגעצויגן צו דעם געשמאקן בית המדרש, ווי מען הערט כסדר די שיינע ווערטער און שמועסן פונעם גבאי'ן, יעדן שבת אינדערפרי ביי סיפורי מעשיות, און אזוי אויך ביי שלש סעודות.

נאכן נוצן דעם בית המדרש אזוי לאנג, האט זיך שוין שטארק אויסגעפעלט מען זאל עס איבערפרישן - יעצט אין די טעג טוט זיך דארט רענאוואציעס, מען לייגט פרישע מאלדינגס, מען פארמאכט אלע לעכער און מען פעינט איבער פון פריש אלע ווענט, וואס געבט צו א שטארקע פרישקייט און התחדשות ווען מען קומט אריין.

דער גבאי לייגט אונז צו צו זיין באריכט: "דער עיקר איז אז מיר זאלן זיך איבערפרישן אין עבודת השם, אזוי ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט חידוש כמוני לא היה בעולם, יעדער איד זאל שטענדיג וויסן אז מ'קען אלץ אנהייבן פון דאסניי, פארגעסן פון אלעס וואס איז געווען און זיך אויפפרישן פונדאסניי."

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# קאליר פונעם הימל

## שאלה

**איך האב זייער הנאה פון אייערע ארטיקלען. מיין שאלה איז אזוי, מען זאגט אז די וואסער איז בלוי ווייל עס שפיגלט אפ פונעם הימל, און ביינאכט איז עס שווארץ ווייל די הימל איז שווארץ, אבער עכט איז די וואסער דורכזיכטיג (אָן קיין קאליר), אויב אזוי וואס איז די עכטע קאליר פון די הימל?**

**מענדל ד. צפון ארץ ישראל**

## ענטפער

פארוואס זעט די הימל אויס בלוי בייטאג: ליכט שטראלן זענען ווייס, אבער באשטייט פון אלע קאלירן פונעם רעגן בויגן (רויט, אראנדזש, געל, גרין, בלוי און פורפל) ווען די זון שטראלן גרייכן אונזער וועלט, שטויסן זיי זיך אן אין די אומצאליגע פיצעלע לופט מאלעקיולן, די מאלעקיולן צושפרייטן די ליכט שטראלן אין אלע ריכטונגען, אבער די בלויע שטראלן ווערן די מערסטע צושפרייט ווייל זיי פארן אין קלענערע שנעלערע כוואליעס, און דאס איז פארוואס די הימל זעט אונז אויס בלוי.

ביינאכט איז נישטא קיין זון איבער אונז וואס זאל פארשפרייטן און ארויסגעבן סיי וועלכע ליכטיגקייט, און דעריבער זעען מיר די הימל שווארץ און טונקל.

דער ים פאר זיך האט נישט קיין קאליר, עס איז דורכזיכטיג, וואס מיינט אז ליכטיגקייט קען איר דורכפארן און ווערט נישט אפגעשעטעלט דורך איר, אבער עס דינט ווי א שפיגל, בייטאג שפיגלט עס אפ דער שיינער בלויער הימל, און ווי נאר די זון גייט אונטער שפיגלט עס אפ די טונקעלע הימל, ביז ביינאכט ווען די שטערנס באווייזן זיך איבערן הימל.

די גמרא אין מסכת מנחות זאגט: תניא היה ר' מאיר אומר מה נשתנה תכלת מכל מיני צבעונין מפני שהתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע לכסא הכבוד שנאמר (שמות כד, י) ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר וכעצם השמים לטהר וכתיב (יחזקאל א, כו) כמראה אבן ספיר דמות כסא. רבי מאיר זאגט, פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן לייגן תכלת אין די ציצית? וואס איז תכלת בעסער פון אנדערע קאלירן? ווייל תכלת איז ענליך צו די ים, און דער ים איז ענליך צום הימל, און דער הימל איז גלייך צום כסא הכבוד.

האב איך אמאל געהערט פון א ברסלב'ער חסיד אזוי, פארוואס זאגט נישט די גמרא גלייך 'מען נוצט תכלת פאר די ציצית, ווייל עס איז דומה צום כסא הכבוד', וואס פעלט אויס צו האבן די אלע זאכן אינצווישן? נאר די גמרא וויל אונז דא פארציילן וויאזוי מען דארף רעדן מיט מענטשן, נישט אלע זענען ביי די מדריגה אז זיי טראכטן פונעם אייבערשטן, און לעבן מיט'ן אייבערשטן, און אויב מען וועט זיי זאגן סתם "דער אייבערשטער איז דא מיט דיר, ער האט דיר ליב, און ערווארט אויף דיר, מען קען רעדן צו אים" וועט ער עס נישט קענען נעמען, מען דארף גיין צוביסלעך.

מען קען נישט גלייך צוקלעבן א מענטשן צום אייבערשטן, מען רעדט מיט אים נייעס, עס טוט זיך מלחמות, פאליטיק, סייענס, און צוביסלעך גלייכט מען צו איין זאך צום צווייטן. ווי דער רבי האט געזאגט אז מען דארף רעדן מיט מענטשן, אבער דער עיקר איז אז מען זאל צילן אז צום סוף זאל מען רעדן פון אייבערשטן ווי ער און נאר ער פירט די וועלט, מען דארף נישט מורא האבן פון קיינעם, די וועלט ווערט נישט חרוב, נאר פארקערט דער אייבערשטער פירט זיין וועלט יעדעס יאר אסאך שענער און בעסער. און מיר דארפן בלויז זיין פארנומען מיט'ן אריינכאפן פשוטע מצוה'לעך דא און דארט, א דאווענען, א קאפיטל תהלים, א כיבוד אב ואם, און זיך זייער שטארק פרייען מיט דעם, און דאס וועט אונז ברענגען צו די גרעסטע מדריגות.

אז מען רעדט שוין פונעם הימל דארף מען געדענקן דאס וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, סימן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", עס איז א סגולה צו האבן אמונה אז מען קוקט אויפן הימל.

# א מיליאן פינטלעך

די ארטיקל ווערט געשריבן אונטערן רושם פונעם געהויבענעם שבת אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א ווי מיר האבן זיך פון פריש מחזק געווען אויף צו רעדן יעדן טאג צום אייבערשטן.

אבער ווי שטענדיג, ווען מען מאכט עפעס אפ מיט א שטארקייט, קומט דער יצר הרע זאגן "וואס דו מיינסט אז דו קענסט עפעס? יענער און יענער פאקט דיך איין". האט איך געשריבן דעם ארטיקל לכבודו פונעם יצר הרע... דעם ספעציפישן יצר הרע וואס קומט אלץ זאגן אז יענער קען בעסער. איך האף אז ס'וועט אייך נישט שטערן צו ליינען אן ארטיקל אדרעסירט צום יצר הרע....

איך האב געבעטן די רעדאקציע אז אזוי ווי אסאך אידן האבן אויסגעפונען ווער ש.ז. איז, זאלן זיי ביטע טוישן די נאמען, בבחינות פון משה שטינקאוויטש צו חיים שטינקאוויטש... אבער אנשטאט דעם האבן זיי ווי א פורים צייטונג געטוישט דעם נאמען פונעם ארטיקל און אויך די גרעפייקס... איינער זאל זיי ביטע מעורר זיין. פארשטייט זיך נישט ברבים..

בקיצור די נייע נאמען פונעם ארטיקל איז גארנישט קיין טעות, איז לאמיר אייך פארציילן א מעשה וואס כ'האב מיך דערמאנט פון א טעות וואס האט זיך גע'ענדיגט היפש זויער.

איך האט שוין זיכער געזען די מעכטיגע שפילצייגן פון אמעריקאנע ארמיי, די ריזיגע שיפן וואס קענען האלטן אויף זיך צענדליגע מלחמה פליגערס, די באמבאסטישע פליגער וואס קענען ארויסלאזן צעדליגער באמבעס אויף איין מאל, שווערע געווער און לייכטע שיפלעך (און די צופידלדעט הוטיס פון תימן וואס מיט ראקעטס געמאכט ביי זיך אין קאך מאכן די אלע זאכן ציטערן...).

דאס אלעס ווערט געמאכט דורך א קאמפאני גערופן "לאקהיד מארטין". א פירמע געגרינדעט איבער הונדערט יאר צוריק דורך אפאר אירע אין לאס אנג'לעס (איינער כאפט וועם איך מאך נאך מיט די ג'?).

אין אנהייב פלעגן זיי מאכן בלויז פליגערס, אבער נישט די גרויסע פליגערס וואס מען פארט אויף אומאן, מען רעדט דא פון די פיצי פליגערס וואס מען קען ארינלייגן אינעווייניג בלויז צוויי מענטשן, אדער איין מענטש מיט אסאאאאך עסן...

אבער דורכאויס די צווייטע וועלט מלחמה ווען גאנץ אמעריקע איז געווארן אריינגעשלעפט אין די מלחמה אקעגן די נאציס איז גארנישט געווען קיין מעשיות, יעדער און אלעס אין אמעריקע איז געווארן געטוישט צו קענען באקעמפן די דייטשן ימ"ש..

צום ביישפיל בשעת די צווייטע וועלט מלחמה איז נישט געווען צו באקומען קיין אויטאס, ווי אויך איז נישט געווען קיין פרידזשעדערס, ווייל אלע פעקטאריס ווי אויך אלע ארבעטער זענען געווארן אנגעדרייעט אז מען מוז העלפן, אפילו א מענטשליכע דאקטאר איז נישט געווען צו טרעפן אין אמעריקע אין יענע צייטן ווייל אלע זענען אפגעליפערט געווארן קיין אייראפע. די רעגירונג האט אין יענע צייט אפילו איינגעשטעלט א מאס פון וויפיל גאזאלין יעדער קען באקומען ביים פאמפ.

און אז ס'געפינט זיך א קאמפאני וואס מאכט פליגערס איז דאך נישט געווען מער ווי פאסיג אז זיי זאל מאכן פליגערס פאר די אמעריקאנע ארמיי.

וכך הוה, זיי האבן אנגעהויבן מאכן ביזנעס מיט די ארמיי, די וואס האבן געארבעט דארט האבן געקענט זאגן פאר יעדן אז "איך בין גוט מיט די ארמיי"...

אין יענע יארן האבן זיי אנגעהויבן אויפקומען מיט נייע זאכן, בשעת די צווייטע וועלט מלחמה האבן זיי פאבריצירט דעם P-38, אזא קליינע סארט פליגער וואס איז געווען גוט אויף צו כאפן בילדער.

דאן זענען זיי אויפגעקומען מיט אזא שטיקל שטענדז, א פליענדיגע שיף, דאס הייסט א פליגער וואס קען אויך לאנדן אויפן וואסער און פארן ווי א שיף.

און אז ס'גייט גוט האבן זיי נישט אפגעלאזט די ביזנעס, מען האט אנגעהויבן מאכן ביזנעס אויף א רעגעלמעסיגע מהלך, די קאמפאני איז געווארן גוט מיט די גוטע, און פאר ווער ס'קען זיך אויס וויאזוי די אמעריקאנע גאווערמענט ארבעט, מיינט אז זיין גוט מיט די גאווערמענט מיינט אויך אז ס'קומט צו פארן מאסיווע ציפערן אריין אין די באנק אקאונטס. די קאמפאני ווערט געשעצט אויף איבער הונדערט ביליאן דאלער.

אבער די ארמיי איז נישט זייער איינציגסטע קאסטומער, זיי לאזן לויפן פראדוקציע פאר ווער עס וויל, אריינגערעכנט אויסלענדישע רעגירונגען..

אבער מערסטנס פון די ארבעט ווערט

# א קוק אויף צוריק
# מיט א בליק
# אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

געטון פאר די אמעריקאנע ארמיי, און זיי זענען הויפטקווארטירט אין אמעריקע, זיי פארמאגן ריזיגע פעקטאריס מיט מאסן ארבעטער, מיט א באזונדערע שטאב פאר יעדע פון זייערע אפטיילונגען, איין פעקטארי פאר מיסעלס און ראקעטן, און דאן ריזיגע געביידעס פאר יעדע פון זייערע פליגערס וואס זיי בויען.

אבער זיי פארמאגן אויך א היפש פארשעמנדע מעשה אין זייער היסטאריע.

געווען איז דאס אין יאר 1999 למספרם ווען לאקהיד מארטין האט געשלאסן א געשעפט מיט אן אומאינדענטיפעצירטע קונה..

מען האט דאן גערעדט פון שליסן מקח אויף עטליכע "הערקולעס טראנספארט פליגערס". דאס זענען גרויסע סארטן פליגערס וואס מען נוצט צו פירן סאלדאטן פון איין פלאץ צום צווייטן.

מען איז געזעצן מיט יענע חברה און זיך געדונגען אויפן פרייז, מען איז געזעצן אויף גרויסע קאנפערענצן, ביז מען האט אפגעמאכט א פרייז.

אבער אזוי ווי לאקהיד מארטין איז אן אמעריקאנע קאמפאני און די חברה מיט וועם זיי האבן גערייכט די הענט צו שליסן געשעפט איז געקומען פון אייראפע, האבן זיי געמאכט א פיצי טעות.

ביי די חלק ווי אינעם קאנטראקט האט געדארפט געשריבן ווערן אז די פרייזן וועלן געהאלטן ווערן אזוי ווי יעצט געשריבן, און ווי אזוי די פרייזן וועלן זיך טוישן לויט אינפלאציע וואס וועט זיך הייבן אין די קומענדיגע יארן, האבן די לאקהיד מארטין שטאב געמאכט א טעות מיט איין "," דאס הייסט אז אנשטאט ווי אין אמעריקע ווי אויב מען וויל שרייבן א מיליאן דאלער שרייבט מען 1.000.000 אבער אין אייראפע נוצט מען נישט די פינטלעך אינמיטן, נאר אזוי 1 000 000. אדער אזוי 1000000,00 האבן זיי זיך ערגעץ פאררעכנט און צוגעלייגט א קאמע אזוי ",".

און די טעות, די איין קליינע, דאס פיצעלע אוממערקבארע, האט אנגעמאכט א גרויסע שאדן, ס'האט געקאסט פאר לאקהיד מארטין א געשאצטע ז-י-ב-ע-צ-י-ג מיליאן דאלער..

די גרויסע לאקהיד מארטין וואס בויעט די מעכטיגסטע און גרעסטע מאשינעריי און טוט ביזנעס מיט די רייכסטע און גרעסטע לענדער. האט זיך געמוזט פארשטעקן פאר זייער אייגענע פינטל-טעות..

איין. קליינע. ב'טעות'דיגע. פינטל..

יעצט שטעלט אייך פאר אויב דער פינטל איז נישט אזוי בטעות'דיג, נאר עס ווערט ארויסגעזאגט דורך א איד, וואס טראכט צו זיך "וואס טוט דען אויף מיינע פאר ארעמע ווערטער צום אייבערשטן?".

דער ענטפער לערן איך ארויס פון די מעשה, איין קליינע פינטל האט געמאכט די גרויסע לאקהיד מארטין קאמפעני קושן די ערד....

נו אויב פאר א גוי קען אויסמאכן א פינטל, וואס איז געשריבן געווארן אויף א קאנטראקט פון איין קאמפאני צום צווייטן, וויפיל מאכט אויס מיין האלבע פינטל צום אייבערשטן, ניטאמאל א פינטל נאר א קאמע..

אזא באשפערשיקפרנסה..

וואס?

דאס אזא האלבע אדער יא אדער



נישט ארויסגעזאגטע ווארט, אזוי געבעטן דעם אייבערשטן פאר פרנסה בשעתן פארקן די קאר.

ס'איז עפעס ווערד? זיכער!

ס'איז ווערד אסאך מער ווי די זיבעציג מיליאן וואס לאקהיד מארטין האט פארלוירן צוליב איין פינטל.

איי וועט איר פרעגן, ס'איז נאר איין קליינע פינטל? נו, איין פינטל איז גענוג און נאך צו רעש'ן עולמות..

גרויסע זאכן געשען פון בלויז איין פינטל.

עס דערמאנט די מעשה מיט איינע פון די ראקעטן וואס Nasa האט ארויפגעשיקט צו די לבנה, וואס מיט עטליכע מינוט נאכן ארויספליען האט זי אויפגעשאסן אין די לופטן און זיך צופיצלט אויף טויזנטער שטיקלעך, שפעטער ווען מען האט געפארשט וואס האט פאסירט, האט מען געזען אז דער וואס האט געפיטערט די קאמפיוטער מיט דאטא האט אויסגעלאזט איין שטריך (-).

איר הערט? ניטאמאל א גאנצע ווארט, אזוי מסיח לפי תומו, אזא קרעכץ צום אייבערשטן, ניטאמאל עפעס וואס מען קען רעכענען אלס א געזאגעניש, און דאס קען אויפשיסן און איבערדרייען די גאנצע וועלט!

דאס איז מיין חיזוק ווען איך הער שמועסן אויף איינעם, "ער? שוין פערציג-פופציג-הונדערט יאר וואס ער מאכט זעקס-אכט-צוועלף-צוואנציג שעה התבודדות."

און איך? איך קען מיך מחי זיין מיט מיין פינטל..

ווי גרויס איז דען מיין פינטל? ריזיג! מיין האלבע ארויסגעזאגטע ווארט צום הייליגן באשעפער, ס'איז אפילו נישט קיין גאנצע ווארט, סאך הכל איין. קליינע. פינטל. און דאס טוישט גרויסע זאכן!

גרשון קרעמער

# וואלמארט צאלט נאנט צו פיר מיליאן דאלער פאר א ריברענד

דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט מיט אונז כסדר אז זאכן וואס פאר אונז פשוט'ע מענטשן זעט עס אויס ווי נישטיגע און קליינינקייטן, צום ביישפיל בארד און פיאות, זינגען זמירות שבת, א טבילה אין מקוה, און די אלע טאג טעגליכע מצוות וואס "יעדער" טוט, ביים אייבערשטן אבער איז עס ווערד א פרייז וואס מיר קענען נישט באגרייפן.

א גוטע ביישפיל דערפאר האבן מיר געזען די וואך, ווען די ריזיגע ריטעיל פירמע "וואלמארט" האט איבערגעמאכט זייער באקאנטע לאגא. דער פירמע פארמאגט איבער צען טויזנט געשעפטן אין בערך ניינצן לענדער, האלב דערפון אין אמעריקע. זייער איינקונפט אינעם יאר 2024 למספרם איז געווען איבער זעקס הונדערט טריליאן דאלער, זיי פארמאגן איבער צוויי מיליאן ארבייטער אין די גאנצע וועלט, היבש מער פון האלב דערפון אין אמעריקע.

זייער באקאנטע לאגא וואס איז געווען דאס ווארט "וואלמארט" אין א הימל בלויער קאליר, א געלער שטערן אין א בלויער בעקגראונד, זיי האבן עס יעצט געטוישט צו א מער שארפע בלוי, און געמאכט דאס ווארט "וואלמארט" אביסל דיקער.

ווען מיר קוקן דאס אן זעט עס אויס פאר אונז אז א צען יעריג קינד וואלט געקענט מאכן דעם טויש, אויסער טוישן דעם קאליר צו א פשוטער בלוי, און דרוקן "קאנטראל-בי" אויף די ווארט "וואלמארט" זעען מיר גארנישט דא.

וואלמארט זאגט אז דער טויש וועט זיי קאסטן א געשאצטע $3,700,000 דאלער. איר האט גוט געליינט כמעט פיר מיליאן דאלער. אמת אז אין דעם איז אריינגערעכנט אסאך זאכן ווי צום ביישפיל אויפנעמען גאר טייערע דיזיינערס וואס נעמען געפעפערטע פרייזן פאר דאס מינדעסטע ריר, ריסורטשערס סטראטעגיסטן, קאנסאלטענטס, און לויערס וואס זאלן עס באגלייטן. אזוי אויך רעכנט עס אריין דאס וואס זיי וועלן יעצט דארפן טוישן דעם לאגא אויף יעדן פלאץ ווי זיי נוצן עס, אריינגערעכנט די טויזנטער פיזישע סטארס, אנליין סטארס און אזוי ווייטער.

אבער דאס ווייזט אונז עפעס. ווען דער צדיק - אונזער קאנסאלטענט, אונזער עקספערט, וואס האט געמאכט די נויטיגע ריסורטש, ער האט די נויטיגע "קרעדענשעלס" און ווייסט די קליינע זאכן וואס עס מאכט אויס. ער זאגט אונז צו טוישן דעם קאליר אביסעלע. קוק ארויף אויפן הימל, געב א שמייכל, רעד א ווארט צום אייבערשטן, א ווייב איז א חשובע זאך, אין די קינדער לוינט זיך צו אינוועסטן, מאך נישט קיין חובות, מען קען נישט יוצא זיין פאר מענטשן און אזוי ווייטער - גלייב אים, די קליינע חילוקים זענען גאר גרויס.

דער רבי זאגט אין חיי מוהר"ן סימן תק"ד "מֵעִנְיַן הַפְלָגַת גְּדֻלַּת הָאָדָם אָמַר כְּשֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "וָואס טַייטְשׁ אַמֶענְשׁ אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת, אִין אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת":" די טייערע עקספערטן וואס האבן שטודירט לאנגע יארן האלטן אז עס לוינט זיך פאר וואלמארט צו צאלן כמעט פיר מיליאן דאלער פאר דעם פיצעלען טויש, ווייל דאס וועט זיי ברענגען הונדערטער מיליאנען דאלאר רווחים מער במשך די קומענדיגע יארן.

**תורה ותפילה איז יא, און מען קען עס באקומען!**





# אייראפע וועט ערלויבן צו לייגן ווערים אין ברויט

די פאלגענדע נייעס איז נישט רעקאמענדירט צו ליינען איידער מען עסט - אויסער אויב איר ווילט גיין אויף דייעט, און איר ווילט עס זאל אייך פארגיין דער אפעטעטיט...

די קאמיסיע וואס באשטימט די רעגולאציעס פון עסנווארג אין די אייראפעאישע פאראיין האט געמאלדן אז אנגעהויבן פון פעברואר 10 וועלן פירמעס אין אייראפע זיין ערלויבט ארײנצולייגן ווערים פוידער אין די עסן, ביז אזויפיל ווי פיר פראצענט פון די עסן.

עס ווילט זיך כאפן א טענצל ווען מען הערט די נייעס, ווען מען הערט וואס די גוי'אישע עסן מארקעט לייגט אריין אין זייערע עסן, און ווי דער אייבערשטער האט אונז אפגעשיידט פון די אלע גרויליגע זאכן. זיי זענען בלויז פארנומען מיט די ענווייראמענט און זיי זאגן אז זייער ליסטע פון שרצים זענען א ביליגע פראטין וואס זיי ווילן מען זאל פיטערן דעם המון אנשטאט פיש, פלייש און אייער וויבאלד עס איז גוט פאר די ענווייראמענט...

אנגעהויבן פונעם אויבנדערמאנטן דאטום וועלן פילע טריפה'נע ברויטן, קרעקערס, לאקשן און דאס גלייכן קענען פארמאגן צומאלענע ווערים אדער היישעריקן.

ברוך השם אז פאר אונז מאכט עס נישט אויס, ווייל מיר ערליכע אידן עסן נישט אן קיין גוטע הכשר, און אויסער דעם זאגט די נייע רעגולאציע אז די פירמעס וועלן עס מוזן קלאר ארויסשרייבן צווישן די ליסטע פון באשטאנדטיילן, אבער עס דערמאנט אונז מיר זאלן זיך וויסן ווי וויכטיג עס איז אכטונג צו געבן וואס מען נעמט אריין אין מויל - אן אומשולדיג אויסזעענדע שטיקל ברויט אין אייראפע קען האבן אין זיך שקצים ורמשים לויטן ארטיגן געזעץ.

א בעל מכשיר האט אמאל פארציילט ווי א ירקות פירמע האט זיך געבעטן ביי אים און גרייט געווען צו צאלן אסאך געלט ער זאל לייגן זיין נאמען אויף זיינע ירקות וואס איז געווען קלאר מוחזק בתולעים, זאגנדיג אז ער קען שרייבן אונטער זיין הכשר וואס ער וויל אויף לשון הקודש, קענסט שרייבן מוחזק בתולעים און אז מען דארף עס באקוקן, פרעגנדיג פונעם בעל הפירמע "אויב אזוי צו וואס דארפסטו א הכשר? ירקות זענען סייווי כשר", האט יענער געזאגט "זייער אסאך מענטשן לייגער קוקן בלויז אויב עס האט אידישע אותיות, און מען קויפט עס אלס כשר". פארשטייט זיך דער רב איז א ירא שמים האט נישט מסכים געווען, אבער דאס ווייזט אונז ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן און נישט אננעמען יעדע זאך וואס האט א סימבאל אדער אידישע אותיות אז עס איז טאקע כשר.

די צדיקים האבן אונז געזאגט אז עסן שרצים שאדט פאר די אמונה - אזוי שרייבט דער רמב"ם, און נאך - נאכדעם פארשטייט נישט דער מענטש פארוואס ער האט קשיות אויף די אמונה, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תרי"ג מצוות כדי מיר זאלן האבן א קשר מיט אים. וויאזוי קען מען טאקע זיין אפגעהיטן פון מאכלות אסורות? אויף דעם דארף מען תפלה, ווען מען גייט איינקויפן איז גוט אריינצולייגן צווישן די תפלות א בקשה "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טרעפן וואס איך דארף, עס זאל זיין כשר, עס זאל זיין געזונט, איך זאל עס קענען באצאלן".

## ד' שמריך ד' צלך על יד ימינך!



# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן

צפת

כ'בין געפארן מיט א חבר'ס קאר עפעס טראגן ערגעץ.

אויפן וועג צוריק האט מיר א פאליציי מאן אפגעשטעלט כדי צו זען אויב די קאר האט נישט קיין פראבלעמען (לעצטנס שטייען זיי דארט א גאנצן טאג און נאכט און מאכן משוגע די מענטשהייט).

פארשטייט זיך אז מען זוכט טרעפט מען. זיי האבן געטראפן פראבלעמען אינעם קאר וואס זענען נישט געפלויגן און נישט געשטויגן כדרכם אלע מאל, אבער אמאל ענדיגט זיך עס מיט פוינטס אויפן לייסענס, און אמאל אויך א געריכט.

כ'האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פון דעם נישט געשעדיגט ווערן. שכח אייבערשטער אז זיי האבן געגעבן נאר א טיקעט אן פוינטס, און אויך באפוילן דעם בעל-הבית פונעם קאר זאל עס פאררעכטן ביז א געוויסע צייט.

## עזרא בוים

קרית ברסלב

פארגאנגענעם שבת קודש פרשת בשלח-שירה האב אים וויכטיג געדארפט האבן א שבת גוי ביי מיר אינדערהיים. דא אין שטעטל פלעגט זיין א שבת גוי, אבער לעצטנס האט ער זיך אוועק געצויגן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל פון ערגעץ אנקומען א שבת גוי. נישט מער און נישט וויניגער א גוי קלאפט אריין ביי מיר אינדערהיים, איך פרעג אים וואס ער וויל, זאגט ער ער איז געקומען עפעס דעליווערן. איך געב א קוק זע איך עס איז נישט פאר מיר, איך האב אים געזאגט אז דאס איז נישט די ריכטיגע אדרעס וואו ער דארף דאס דעליווערן. פאר ער איז אוועקגעגאנגען האב איך אים געפרעגט אויב ער קען מיר עפעס העלפן, זאגט ער מיר "אדרבה", און ער לייגט צו "איך בין געווען א שבת גוי פאר פופצן יאר אין קרית יואל".

איך האב פארציילט די מעשה פארן ראש ישיבה, און ער האט זייער שטארק הנאה געהאט דערפון, און דאס פארציילט ברבים ביים מלוה מלכה.

# היכל הלכה




איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב


## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף ט"ו און ט"ז

די חכמים האבן מתקן געווען אז שבת [172] מעג א גוי נישט טון קיין מלאכה פאר א איד. [173]

אפילו אין כל התורה כולה איז דאך די כלל [174] אז ווען איינער שיקט איינעם צי טון אן א עבירה, איז די עבירה אויף דעם וואס האט עס געטון, נישט אויף דעם וואס האט אים געשיקט (אין שליחות לדבר עבירה). [175]

אזוי אויך איז די כלל אין כל התורה כולה אז ביי א גוי איז נישט דא די כלל וואס איז דא ביי א איד אז "שלוחו של אדם כמותו", ווייל די כלל זאגט מען נאר ווען א איד שיקט א איד (אין שליחות לגוי)[176]. אבער מיט דעם אלעם איז די הלכה אז:

**ק"א)** א איד וואס האט מקבל שבת געווען פריער פון די זמן, און אפילו ער האט שוין געדאווענט - וואס ביי אים איז שוין געהעריג שבת - מיט דעם אלעם מעג ער זאגן פאר א צווייטן איד וואס האט נאך נישט מקבל שבת געווען, צי טון א מלאכה. [177] ווייל היות ביי דעם איד וואס טוט יעצט די מלאכה פאר אים איז נאך נישט שבת, ממילא איז עס מותר! [178] און מ'מעג הנאה האבן פון די מלאכה, [179] און אוודאי מעג מען זאגן פאר א גוי צי טון א מלאכה.

**ק"ב)** אזוי איז אויך די הלכה מוצאי שבת קודש - אויב א איד האט נאך נישט געדאווענט מעריב, און אפילו אויב ער האלט נאך אינמיטן שלש סעודות, דאס הייסט אז ביי אים איז נאך געהעריג שבת - מעג ער זאגן פאר א צווייטע איד וואס האט שוין יא געדאווענט, צי טון פאר אים א מלאכה. [181]

אלע מצוות אין די תורה דארף א טאטע מחנך זיין זיינע קינדער אז זיי זאלן עס טון, און אלע עבירות דארף א טאטע אפהאלטן זיינע קינדער אז זיי זאלן עס נישט טון, [182] אבער בי די מצוה פון שבת קודש איז דא אן עקסטערע מצוה אז א טאטע דארף זען אז זיינע קינדער זאלן היטן שבת, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, "לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך". אבער אפילו אזוי איז די הלכה אז:

**ק"ג)** א טאטע וואס האט מקבל שבת געווען פרי, מעג זאגן פאר זיינע קינדער וואס האבן נאך נישט מקבל שבת געווען צי טון א מלאכה. אזוי אויך א מאמע וואס האט שוין געצינדן און מקבל שבת געווען, מעג זאגן פאר די קינדער וואס האבן נאך נישט מקבל שבת געווען צי טון מלאכות. [183]

**ק"ד)** הלכה וואס קומען ארויס פון די הלכה: א איד וואס האט א ביזנעס וואס דארט איז נאך נישט/אדער שוין נישט שבת, אפילו ביי אים איז נאך/שוין שבת מעגן די איד אדער די גוים טון פאר אים מלאכות. ווייל היות דאס וואס איך הייס זיי טון איז פאר זיי היתר גמור. [184] [185]

**ק"ה)** אגב: [186] א איד וואס האלט אינמיטן שלש סעודות, און ס'ווערט מוצאי שבת, דערמאנט ער "רצה" ביים בענטשן, ווייל מ'גייט נאך די אנהייב פונעם סעודה, וואס די אנהייב איז געווען שבת!

אבער אויב האט מען געדאווענט מעריב נאך פאר'ן בענטשן, זאגט מען נישט "רצה"! (187)

**ק"ו)** אויב זאגט מען "ברוך המבדיל בין קודש לחול" פארן בענטשן, בלייבט א ספק אין די פוסקים [188] [189] צי מ'זאל זאגן רצה אדער נישט, ממילא זאל מען זען זיך ארויס צולאזן פון שאלות, און נישט זאגן "ברוך המבדיל" פארן בענטשן פון שלש סעודות.

**ק"ד)** למעשה: אויב האט מען געזאגט ברוך המבדיל פארן בענטשן, זאל מען נישט זאגן רצה ביים בענטשן [שב ואל תעשה עדיף] אויב וויל מען דווקא יא זאגן רצה, איז דא אויף וועמען זיך צי פארלאזן. [189]

**מיט דעם האבן מיר מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף געענדיגט סימן רס"ג. מיר דאנקן דעם אויבערשטן אויף ביז אהער, און מיר בעטן אויף ווייטער..**

## שאלות ותשובות "עלה הלכה"

**שאלה:** זענען פרויען און מיידלעך מחיוב מיט מים אחרונים?

**תשובה:** לכתחילה איז נישט קיין חילוק צווישען מענער און פרויען לגבי מים אחרונים, [03] אבער די פרויען וואס וואשן זיך נישט מים אחרונים האבן גענוג פוסקים אויף וועמען זיך צי פארלאזן! [04]

## מקורות והערות

172) כן איתא בגמ' ב"מ ע"א. - רק שבכל התורה אי אמרינן שליחות לחומרא בגוי הנה יש מחלוק' ראשונים אבל בשבת כו"ע מודה דיש איסר עכ"פ מדרבנן - ויש סמך במכללתא שנאמר ביו"ט כל מלאכה לא יעשה בהם - משמע אפי' ע"י אחרים שאין מצווים על השביתה ביו"ט וק"ו בשבת.

173) כל זה איתא בשו"ע התניא סי' רמ"ג סעי' א'. 174) כמבואר בקידושין דף מב. 175) כ"כ בפרמ"ג א"א סי' ש"ד בענין אמירה למומר..

176) קידושין מא. שו"ע חו"מ סי' קפ"ח ס"א - ודרשו חז"ל מפסוק "כן תרומו גם אתם", לרבות שלוחכם, מכאן ששלוחו של אדם כמותו, ומה אתם בני ברית אף שלוחכם בני ברית.

177) כן איתא בשו"ע סעי' י"ז. 178) טו"ז סק"ג דלו כלבוש עיי"ש..

179) רמ"א שם. 180) פשוט, ואפי' בין השמשות דאסור לישראל לעשות מלאכה משום דהוי ספר שבת - ואפי' לד' המחב' היה צריך לקבל שבת לפני זה משום מצוה תוס' שבת, עי' בשו"ע סי' רס"א סעי' ב' - וכן בסעי' אי', דמותר אמירה לעכו"ם ביהש"מ.

181) משנ"ב סק' ס"ז דלו כלבוש. 182) כמבואר כ"ז בשו"ע סי' שמ"ג. 183) שבט הלוי ח"ו סי' ל"ח ח"ז סי' ל"ה. 184) עי' בספ' שבת בשבתו באריכות - תוכ"ד, היות לפי טעם ההיתר המבואר בטו"ז מרשב"א דההיתר הוי משום דכל דבר המותר לחבירות לעשות כגון שמור לי פירות שבתחומך אעפ"י שזו חוץ מתחומי - דאיתא בגמ' שבת קנא: דמותר לומר כן לחבירו, לפי"ז יוצא דגם בכה"ג מותר דהנשלח הוי היתר גמור.

185) וכן איתא בשו"ת ארץ צבי ח"א סי' מ"ד, וכן כ' בשו"ת בצל החכמה ח"ג סי' קכ"ה וכן כ' במנחת יצחק ח"ז סי' ל"ד. (186) סי' קפ"ח סעי' י'. 187) כ"כ שם במג"א סקי"ז עפ"ד דברי מהרי"ל, והו"ד במשנ"ב סקל"ב.

188) מג"א סקל"ג. 189) וכן במשנ"ב סקס"ז נשאר בספק, אבל, בא"ר סי' רצ"ט סק"ה, וכן החיי אדם כ' מ"ז סעי' כ"ד כתוב שיאמר רצה משא"כ שו"ע הרב סו"ס קפ"ח, וכן החס"ס בהג' לשו"ע כן, ובחודושי למסכ' שבת קנ"א. וכן בערוך שמשולחן סי' קפ"ח סעי' כ"ג שלא יאמר.

03) זהו הלשון בשבט הלוי ח"ד סי' כ"ג דתחילת דבריו; ועי' בשו"ת דברי חכמים דף קט"ו דכן סברו הרבה אחרונים..

04) זהו הלשון בסוף דבריו עיי"ש: וכן בתשובות והנהגות ח"א סי' קע"ד: ועי' בחכו ממתקים ח"א עמ' ק"ו..

# געדאנקען

## אוועקלייגן די מאסטערד'יגע
## קעטשאפ'דיגע שכל!

פון יענעם ערשטן פרייטאג ווען דער אייבערשטער האט באשאפן אומצאליגע בהמות און חיות און קריכעדיגע (און אויך אדם הראשון, יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא) און דעם שלעכטן שלאנג וואס האט געברענגט א חורבן אויף דער וועלט דורך זיין א "מוסיף על הציווי", איז ליצנות ליידער א גאנגבאר ארטיקל.

עס איז אן עם הארצות אויסצומישן ליצנות מיט וויצן. ס'איז צוויי וועלטן, א וויץ איז געמאכט צו געבן א שמייכל, ליצנות איז די זעלבע ווארט ווי "ביליג".

קודם וועלן מיר אייך וויזן וואס מיינט א וויץ, מיין חבר'ס יונגל איז געווען אלץ קינד אזוי נישט צום זאך, אז מ'האט געמיינט ער וועט קיינמאל נישט קענען חתונה האבן, קיינער וועט אים נישט וועלן פאר אן איידעם, דערווייל האט ער חתונה געהאט די מערסטע פון יעדן!

וויץ? יא! א שמייכל? יא! ביליג מאכן וואס דער אייבערשטער זאגט? דאס איז שוין א שלאנג!

אדם און חוה זענען געזעצן אזוי זיס אין גן עדן, גארנישט האט זיי געפעלט, עס וואלט זיי נישט קיינמאל געקומען אויפ'ן געדאנק צו עסן פון דעם עץ הדעת, ביז דער לץ דער שלאנג איז געקומען און זיך געמאכט ווי א פרומער, עטץ זענץ אזוי פשוט! אזוי יאנטשי! סתם נישט עסן פון די עץ הדעת?! אזוי פשוט! אזוי ביליג! מעעע... ס'איז צו פלעין! איך שלאנגעלע באלאנג צו א "העכערע" חבורה ווי מ'טאר נישט אנרירן דעם בוים! און ס'האט נעבעך געארבעט! דאס שטיקל איז ביטער געלונגען..

ווען די כופרים האבן אויסגערופן אז מ'שטעלט אויף אין ארץ ישראל א פרייע מדינה וואו מיליאנען קינדער וועלן באקומען אין שולע טריפה פלייש, האט עס נישט געארט פאר די רעליגיעזע נאכשלעפערס זיך אריינצושטופן די נאז ביים אונטערשרייבן דעם "מגילת העצמאות" וואס האט נישט די ווערטער "בעזרת השם", ווייל די בלויז-קעפיגע אוכלי נבילות וטריפות האבן געהאלטן אז די גאנצע זאך פון שרייבן "בעזרת השם" איז יאנטשי און ביליג, די ערב-רב חברה האבן נישט ליב אז מ'איז א גאנצן טאג ביזי מיט "אייבערשטער" " אייבערשטער" " אייבערשטער" (מוהרא"ש פלעגט אלץ חזר'ן אז דער ערשטער פרעמיער, דער ראש הכופרים, האט זיך געגרויסט אז ביז צען יאר וועט נישט זיין קיין איין תפלין אין גאנץ ארץ ישראל, היו לא תהיה).

און נאך אלץ איז געווען אזויפיל מענטשן וואס האבן דעמאלטס געזאגט אויף רבינו הקדוש מ'סאטמאר אז ער איז מגזם מיט זיין שארפן ארויסטריט קעגן די כופרים. מ'האט געלאכט פון דעם צדיק, מ'האט אים געהאלטן פאר ביליג.

אזוי איז אויך געווען אין די צייטן פון הייליגן דברי חיים, די ליצנות איז געווען גרויס, עס ווערט געברענגט אין ספר הקדוש ויואל משה (חלק א' סימן קמ"ח) גאר שארפע לשונות איבערן מצב בזמן הדברי חיים, עס שטייט דארט אז "די רבנים, און די חסידים, און די בעלי בתים" זענען א גרויס חלק פון די ערב רב! (עס שטייט דארט אביסל שארפער ווי איך ברענג עס דא, עיין שם היטב).

די זעלבע זאך ברענגט דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע אין די שלש סעודות תורה (פרשת וארא תשכ"ג, אות נ"ה), ממש די זעלבע שארפע לשון וואס שטייט אין דברי חיים ברענגט עס דער רבי פון רבי חיים וויטאל זכותו יגן עלינו.

אזוי איז אויך געווען ביים הייליגן חתם סופר, די לצים האבן געלאכט און געשפעט. עס איז באוואוסט וואס שטייט אין שאלות ותשובות חתם סופר, לגבי די נס פון "מיעוט המחזיק את המרובה" און ער זאגט מיר האבן דאס געזען, אבער איך וויל נישט רעדן דערפון "מפני פריצי עמנו" (יורה דעה סימן רל"ד). דער הייליגער חתם סופר קען נישט דערציילן נסים וואס ער האט בייגעוואוינט! ווייל מ'וועט לאכן און שפעטן!

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דער רבי דרוקט זיך אויס גאר שארף אויף די סכנה פון ליצנות וואס האט געהערשט ביי מתן תורה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קכ"ג), דער רבי זאגט אז דער עיקר און דער יסוד איז צו זיין צוגעבינדן צום צדיק פון דעם דור, און טון וואס ער זאגט, אפילו אויב ער זאגט אויף רעכטס לינקס און אויף לינקס רעכטס, דארף מען אינגאנצן אוועקווארפן דעם שכל, און ווילאנג ער האט נאך א טראפקעלע שכל, איז ער נישט צוגעבינדן צום צדיק, און די אידן ביי קבלת התורה האבן געהאט גרויסע חכמות, ווייל דעמאלטס איז געווען עובדי עבודה זרה וואס זענען געגאנגען מיט חכמות און חקירות, און ווען די אידן וואלטן נישט אוועקגעווארפן זייערע איבער'חכם'ישקייטן וואלטן זיי נישט מקבל געווען די תורה! עס וואלט נישט געגוצט אלע מופתים וואס משה רבינו האט באוויזן!

מיט דעם איז דער רבי מפרש די תרגום אונקלוס אין פרשת האזינו (עמא דקבילו אורייתא ולא חכימו) אז די עיקר קבלת התורה איז געווען דורך אוועקווארפן דעם שכל.

מיר וועלן אוועקלייגן אונזער פארגרעבטע מאסטערד'יגע קעטשאפ'דיגע טחינה'דיגע חומוס'דיגע שכל און אננעמען וואס דער רבי זאגט אז יעדע ווארט פון תורה וואס מ'זאגט ארויס פון מויל איז מקדש און מטהר, עס הרג'עט דעם יצר הרע.

אין די צייטן פון משה רבינו, ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים צו נעמען די תורה אויפ'ן בארג סיני, איז געווען צוויי פאפולערע PODCASTERS, ערנסטע גוט-זאגערס, שמאלציגע שפרעכערס, דעררררוילעם איז געגאנגען קרעיזי פאר זיי! דער עולם האט זיי געהערט אינגרויסן, ביי יעדע קושקע-וואכנאכט האט מען דיסקוסירט זייער הייניגע גוטזאגעראציע, ביים איינטונקען די דעלקעלעך אין מאטיאש אין די יארצייט פון די ראש השושלת איז געגאנגען הויכע טענער צווישן די "יונוסיסטן" און די "יומבריקאנער", די צוויי מיינונגספארטרעטער האבן געהאט א נאנטע שייכות מיט'ן וואונדער-פרעפלער צויבער-פירער שטערן-קוקער האנטקריצן-פארשטיינגעבער הימל-שפרינגער (סינישט קיין וויץ! בלעם הרשע האט געקענט שפרינגען אויפ'ן הימל! אזוי ווי ס'שטייט אין חז"ל).

די גוטזאגערס האבן געהייסן יוחני און ממרא, אין א אנדערן פלאץ אין מדרש ווערן זיי אנגערופן יונוס און יומברוס, זיי האבן געפרעגט פון משה רבינו א קושיא, מענטשן וואס זענען אזוי צוקלאפט און צושאסן גייסטו מאכן פארשטיין כל התורה כולה?! (עיין בליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן י"א ובפירוש מוהרא"ש על זה) האט משה רבינו געזאגט "אמרי אינשי" אז מ'זאגט אסאך משניות און גמרא קומט מען אן צו פארשטיין פון זיך אליין, אזוי ווי דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן סימן ע"ו, וממילא יבין, די הבנה קומט פון זיך אליין.

מ'קען זאגן נאך א פשט אין די ווערטער דא אין ליקוטי מוהר"ן, אין די קושיא פון יונוס און יומברוס, יאנטשי פלעינע פשוט'ע מענטשן זאלן לערנען און פארשטיין תורה?! מאך זיי קודם פאר "דערהויבענע", און נאכדעם זאלן זיי לערנען תורה! לויט שיטת יונוס אין יומברוס איז דאך וויכטיגער צו זיין דערהויבן ווי צו עפענען א גמרא... האט זיי משה רבינו געענטפערט "יחודא עילאה ויחודא תתאה"(עיין שם).

עפענען א גמרא מוז יעדער! ווילסט זיין דערהויבן? ווילסט זיין פלעין? ווילסט זיין יאנטשי? ווילסט לעבן אויף אלע באקן? אן גמרא וועסטו נישט אנקומען צו גארנישט! אויב דו מאכסט נישט אויף א גמרא 365 טעג א יאר, ווי אזוי אינדזשויסטו לייף?!

> ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים צו נעמען די תורה אויפ'ן בארג סיני, איז געווען צוויי פאפולערע podcasters, ערנסטע גוט-זאגערס, שמאלציגע שפרעכערס, דעררררוילעם איז געגאנגען קרעיזי פאר זיי!



# א מעשה פון א צדיק

## אַ יְשׁוּעָה נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הַאלְזְן אַ קִינְד, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז מְסוּדָר זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין סִיבָּה זֵיי זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער.

דִי מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ גוּטֶע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן שֵׁיינֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

בִּיז דִי פְרוֹי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט "אֶפְשָׁר הָאט אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַייעֶר לֶערֶערִין אִין אַייעֶר יוּנְגֶע יָארְן?" הָאט דִי פְרוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט". הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים טְרַאכְט עֶס גוּט דוּרְךְ, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ וָואס אִיז אַלְץ אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַייךְ פוּן וֶוען אִיר זֶענְט אַרַיין אִין שׁוּלֶע בִּיז אִיר זֶענְט אַרוֹיס".



זִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער צוּם צַדִיק אוּן גֶעזָאגְט: "יָא, אִיךְ הָאבּ מִיר דֶערְמַאנְט אַז וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ וֵויי גֶעטוּן מַיין לֶערֶערִין, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז דִי לֶערֶערִין הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין". הָאט דֶער צַדִיק אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעצְט גֵיי זוּךְ אִיר אוֹיף אוּן בֶּעט אִיר אִיבֶּער, אַנְדֶערְשׁ וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער".

דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ; וואוּ אִין דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ אִיר טְרֶעפְן?! אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן אַכְט יָאר, אוּן מַיין לֶערֶערִין הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעהַאט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מִן הַסְתָּם הָאט זִי שׁוֹין אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ.

הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט דֶעם צַדִיק: "וואוּ קֶען אִיךְ אִיר טְרֶעפְן?" הָאט דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֶעם אַ תְּהִלִים אוּן וֵויין צוּם בַּאשֶׁעפֶער "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶער צַדִיק הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מוּז אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין לֶערֶערִין, אוֹי בַּאשֶׁעפֶער וואוּ קֶען אִיךְ אִיר טְרֶעפְן? עֶס אִיז שׁוֹין אַדוּרְךְ אַזוֹיפִיל יָארְן?!" וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן."

אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּן, זִי הָאט גֶענוּמֶען אַ סֵפֶר תְּהִלִים אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זִי אַרוֹיס אִין גַאס אוּן פְרֶעגְט זִיךְ אַלֵיין "וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?! וואוּ זָאל אִיךְ אִיר זוּכְן?! וואוּ וואוֹינְט זִי?! אִין וֶועלְכֶע שְׁטָאט?! אוֹיף וֶועלְכֶע גַאס?!" זִי שְׁפַּאצִירְט אַזוֹי אַרוּם אוּן פְּלוּצְלִינְג! זִי גְלֵייבְּט נִישְׁט וָואס זִי זֶעט! זִי זֶעט וִוי אַן עֶלְטֶערֶע פְרוֹי שְׁטוּפְּט אַ וֶועגֶעלֶע מִיט אַ קִינְד, זִי קוּקְט אוּן קוּקְט אוּן טְרַאכְט "זֶע אִיךְ רִיכְטִיג? אִיז דָאס דִי לֶערֶערִין?" זִי גֵייט צוּ צוּ דִי פְרוֹי אוּן פְרֶעגְט "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן, זֶענְט אִיר גֶעוֶוען אַ לֶערֶערִין בַּיי דִי שׁוּלֶע?" זָאגְט זִי "יָא!"

פְרֶעגְט זִי וַוייטֶער: "אִיר גֶעדֶענְקְט אֶפְשָׁר אַ תַּלְמִידָה מִיט דִי נָאמֶען?" זָאגְט זִי "יָא!" אִיז זִי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן דִי לֶערֶערִין פְרֶעגְט אִיר "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר?" הָאט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פְרוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גֶעדֶענְקְסְט אֶפְשָׁר אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַמָאל וֵויי גֶעטוּן אִין כִּתָּה?" זָאגְט זִי" "יָא אִיךְ גֶעדֶענְק". הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן צוּ דִי לֶערֶערִין: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט פַאר דֶעם אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז, שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אוּן דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע יְשׁוּעָה אִיז אַייךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן!" דִי לֶערֶערִין הָאט אִיר אוֹיפְן פְּלַאץ מוֹחֵל גֶעוֶוען.

אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער נַיין חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי גֶעהַאלְזְט אַ קִינְד, אוּן נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נָאךְ אַסַאךְ קִינְדֶער.

**(אֲשֶׁר בַּנַחַל מִכְתָּב מט' אֲלָפִים ולז' 49037)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ק"ז

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, צוּ זַיין פֶעטֶער הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, וָואס הָאט זִיךְ דַאן דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן וִוי גֶעווֶוענְלִיךְ.

שַׁבָּת שִׁירָה, י"ג שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעט, אוּן דָארְט הָאט עֶר זָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ו, ה') "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט').

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט ר' נַפְתָּלִי, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן פְרֶעגְט אִים צוּ וֶועלְכְן צַדִיק עֶר אִיז מְקוּרָב, אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט "צוּם בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי", הָאט אִים יֶענֶער גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס נָאכְזָאגְן אַ דְבַר תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה, "דִי עִיקָר חַיוּת בַּאקוּמְט מֶען פוּן תְּפִלָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים מ"ב, ט') תְּפִלָּה לְקֵל חַיָי", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן יֶענֶע וֶועלְט הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה, אוּן פוּן גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן תְּשׁוּקָה הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן פוּן אִים.

וֶוען ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "מֵיינְסְטוּ דֶען אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט הֶערְט מֶען אוֹיךְ מַיין תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אִיר הֶערְט עֶס דָא? נֵיין, דָארְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען מְ'הֶערְט אַ דִיבּוּר פוּן מִיר, אִיז דָאס גָאר אַן אַנְדֶערֶער עִנְיָן!"

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז'), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּבִּיסְלֶעךְ, שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַאלְט מֶען אַרַיין אִין גָלוּת, אוּן דֶער סִימָן דֶערְצוּ אִיז דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ט, כ"ד) "מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף דֶעם מַרְאֶה, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ זָאגְן.

נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוִויזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי תּוֹרָה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב) וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (תַּעֲנִית ז'.) "וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם", פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלֶערְנְט, וִוי צוּ זָאגְן אַז יֶעצְט וֵוייסְט עֶר שׁוֹין פְּשַׁט אִין דִי מַרְאֶה.

דַאן הָאט עֶר צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם מַאֲמָר "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים", אוּן דָארְט רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז וֶוען מְ'אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִין אֱמוּנָה, גֵייט מֶען אַרָאפּ אִין גָלוּת מִצְרַיִם.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ דָאס הָאט צוּטוּן מִיטְ'ן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַרְאֶה, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי מַרְאֶה הָאט עֶר שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר מַשִּׂיג גֶעוֶוען בִּשְׁלֵימוּת.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן דִי תּוֹרָה "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ", אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, אוּן דִי תּוֹרָה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" אִיז אוֹיךְ נִכְלָל אִין דֶעם, אוּן דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דֶעם פָּסוּק "מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל", אוּן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין אַ פְּשַׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַרְאֶה.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## מוהרא"ש באווייזט מופתים!

**ד**ער רבי' קומט ענדליך אריין אין כיתה, קוים כאפט ער זיך דעם אטעם, ער שפירט ווי ער איז יעצט געלאפן א מאראטאן. קיינמאל פאסירט נישט אזאנס ביי אים, זיך פארשלעפן אדער זיין שפעט, ער איז א פונקטליכער א מסודר'דיגער, אלץ לויפט אים דער טאג ווי א זייגער. אבער היינט - היינט האט עס פאסירט, ער האט געשפעטיגט, אלע קינדער זענען שוין אין כתה און דא קומט דער פונקטליכער יעקישער מלמד אן שפעט, ס'האט אים גאנץ ווייניג געפאסט....

שנעל אריענטירט ער זיך ביי זיין טיש, ער איז מסדר זיינע זאכן, און גרייט זיך אנצוהייבן דעם טאג, ווען ער כאפט שנעל א בליק איבערן כיתה און מיט די ווינקל פון זיין אויג באמערקט ער דעם מחוצף, דעם עזות פנים, דער צרה לייט פון א אינגל, וואס דאס איז עס מיט אים, מ'האלט שוין נאך אלע שאנסן....

דער עזות פנים נישט מער און נישט ווייניגער שטעקט ארויס זיין היינט און מיט א ברייטע שמייכל ווייזט ער פארן רבי' אויף זיין האנט און קלאפט אויף זיין זייגער מיט א ניצחון שמייכל!

דער מלמד טראכט ביי זיך 'דאס איז עס!' אבער ער האלט זיך איין, אויפן פלאץ זאגט ער נישט גארנישט, שפעטער ביי הפסקה גייט ער אפיר נעמען דעם אינגל און ער גייט אים ווייזן איינמאל פאר אלעמאל!

ס'קומט אן הפסקה, דער מלמד רופט דעם אינגל אין א זייט און פרעגט אים: "וואס איז געווען דאס וואס דו האסט געוויזן פארן מלמד דיין זייגער?!"

דער אינגל לייכט אויף פאר שמחה, ער זאגט פארן מלמד אז זיין טאטע האט אים געקויפט דעם זייגער פאר אפיקומן, און ער האט שוין קוים געקענט אויסווארטן צו קענען ווייזן דעם זייגער פארן מלמד, איז גראד ווען דער מלמד איז אריין אין קלאס האט ער אים געוויזן דעם זייגער!

פשששש מ'דארף דן זיין לכף זכות!

אויב זענט איר אויפגעוואקסן אינעם היימישן חינוך סיסטעם גלייב איך אז איר קענט דעם מעשה ישר והפוך. איך אליין האב צענדליגע מאל געהערט די מעשה פון מלמדים פון די מנהלים, און שפעטער פון מגידים, און די נקודה איז גאר שטארק!

***

פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש פרשת בשלח האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען מוהרא"ש איז נסתלק געווארן פאר צען יאר צוריק זענען אלע תלמידים געווען זייער צושוידערט, און פון יענעם טאג געדענקט ער יעדן אטעם וואס ער האט געגעבן, יעדעס ווארט וואס ער האט געזאגט...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז יענעם צופרי פאר דער לוי' האט זיין טעלעפאן זיך צעקלינגען, רבי יצחק שליט"א האט געקלינגען דעם ראש ישיבה און אים געזאגט "מיר האבן באקומען פון מוהרא"ש די זאך אז ס'דא א באשעפער אויף די וועלט!"

ער האט פארציילט די מעשה פון דער הייליגער קדושת לוי ווען ער איז מקורב געווארן צו חסידות צום הייליגן מגיד פון מעזריטש האט אים זיין שווער אמאל פארגעהאלטן "דו פארסט זיך אזוי צו דיין רבי'... וואס געבט דיר דיין רבי'?" דער קדושת לוי האט געענטפערט "איך באקום פון מיין רבי' דאס אז ס'דא א באשעפער אויף דער וועלט!!!"

זיין שווער האט דאס נישט געקענט פארנעמען "אזוי?! דאס באקומסטו פון דיין רבי'? פארדעם דארפסטו א רבי? וואס דארפסטו פארן ביז מעזריטש פאר דעם?" ער רופט אריין די ארעם מיידל וואס איז געווען א דינסט ביי זיי אין שטוב און פרעגט איר: "זאג, ס'דא א גאט אויף דער וועלט?"

זאגט זי: "אוודאי' איז דא א גאט אויף דער וועלט!"

ווייזט זיין שווער פארן קדושת לוי' "נא זעסטו ווער ווייסט דען נישט אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט? אפילו די

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



דינסט ווייסט! איז וואס ברויכסטו פארן צו דיין רבי?"

האט דער קדושת לוי געענטפערט: "זי זאגט עס, אבער מיין רבי דער הייליגער מגיד געבט עס מיר אריין אין דיביינער אז איך זאל לעבן מיט דעם! איך זאל לעבן מיטן אייבערשטן!"

האט רבי יצחק אויסגעפירט אז ממש דאס האבן מיר געהאט ביי מוהרא"ש! מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז ס'דא א באשעפער אויף דער וועלט! נישט נאר מיר זאלן וויסן אז ס'דא א באשעפער, יעדער ווייסט.... נאר מיר זאלן אריין נעמען דעם אייבערשטן אין זיך און וויסן אז אין שום מציאות בלעדיו יתברך כלל אויסער אייבערשטער איז גארנישט דא!!!

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט נאכדעם אז מוהרא"ש האט אלעס געקענט מאכן, מוהרא"ש האט געקענט טוישן טבע און פראווען מופתים, אבער ווען מ'איז געקומען צו מוהרא"ש מיט א צרה מיט א פראבלעם, פלעגט מוהרא"ש אלץ ענטפערן "לויף צום אייבערשטן, רעד צום באשעפער, בעט דעם אייבערשטן, ארייבאקן אין אונז דער פשוטער אמונה!"

ווען מ'הערט די שיעורים פון חינוך וואס דער ראש ישיבה געבט פאר די מלמדים און טיטשערס, הערט מען מעשיות וואס מ'קען זיך ממש צו וויינען, די האר פון קאפ קען זיך אויפשטעלן ווי אזוי די מחנכים אין היכל הקודש לייגן אריין די גאנצע נשמה אויפצובויען די קינדער. דער ראש ישיבה פארציילט מעשיות סיי פון די חדר, סיי פון די סקול, סיי פון די עלטערע, סיי פון די אינגערע, סיי דא אין אמעריקע און סיי אין די מוסדות ארה"ק, מעשיות וואס הערן זיך ווי די ווילדע מעשיות וואס פאסירן איינמאל אין הונדערט יאר.

איך ווייס נישט ווי אלט די מעשה מיטן מלמד און די זייגער איז, אבער עלטער פון מיר איז עס זיכער... און די מעשה איז נאך אלס אויפן טיש, ווען א מגיד וויל זיך שטעלן געבן חיזוק פארציילט ער די מעשה.

איבעראל רעדט מען פון דעם, און נאכאלץ שטעקט מען ביי די אלטע מעשה פון יארן צוריק, אבער ביים רבי'ן איז דא א פרישע מעשה יעדן טאג!

ס'איז גאר אנדערש צו וויסן אז ס'איז דא גאט, צו וויסן אז מ'קען רעדן צום אייבערשטן, צו וויסן פון אמונה אדער צו לעבן מיט דעם!

דאס באקומען מיר ביים צדיק! ווער רעדט דען נישט צום אייבערשטן? יא יא..

אבער אויב איז מען מקורב צו א צדיק הייבט מען באמת אן צו לעבן מיט אלע לימודים, מיט אלע זאכן וואס "מ'ווייסט", ס'ווערט א חלק פונעם מענטש צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן..

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאראגאנגענעם שבת אין שטעטל אז די גאנצע וועלט לעבט פונעם רבי'ן, ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען זען אדער נאכגיין, אבער דאס איז די מציאות..

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען מוהרא"ש פלעגט רעדן ביי די שיעורים מ'זאל גיין אין א זייט רעדן צום אייבערשטן, אלעס פארציילן פארן אייבערשטן, פלעגט ער צולייגן "מ'זאל נישט קוקן אויף די לצים וואס מאכן חוזק פון רעדן צום אייבערשטן און פרעגן 'צו וועמען רעדסטו? צו די וואנט?'"

האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז ס'איז אים זייער שווער געווען ווען מוהרא"ש פלעגט דאס זאגן, ווער רעדט אזוי? אפילו אין די פלעצער ווי מ'האלט נישט פונעם רבי'ן הערט מען נישט רעדן אזוי... אבער ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי די מפיצים און זיי האבן געזאגט אז מיט יארן צוריק פלעגט מען דאס הערן

# מוהרא"ש האט אלעס געקענט מאכן, מוהרא"ש האט געקענט טוישן טבע און פראוועגען מופתים, אבער ווען מ'איז געקומען צו מוהרא"ש מיט א צרה מיט א פראבלעם, פלעגט מוהרא"ש אלץ ענטפערן "לויף צום אייבערשטן".

פון מענטשן, מענטשן פלעגן מאכן חוזק פון התבודדות - רעדן צום אייבערשטן אז מ'רעדט צו א וואנט ה"י!

וואס האט זיך געטוישט אז ברוך השם היינט הערט מען דאס שוין נישט? דאס קומט נאך יארן פון אקערן און אריינלייגן כוחות אין הפצה נאך און נאך, פארשפרייטן די לעכטיגע עצות פון רבי'ן, אז היינט רעדט שוין יעדער צום אייבערשטן, איז וואס דארף מען ברסלב...

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט שבת אז דאס וואס מ'זעט אין די לעצטע פאר יאר ביי אלע קהילות אז מ'פירט איין שיעורים כסדרן, יעדע קהילה האט זיך א פראגראם פון לערנען דף יומי צו עמוד יומי, צו הלכה יומי אויף זייער סדר, דאס קומט אלץ פון דעם וואס מוהרא"ש האט אזוי שטארק אריינגעברענגט דעם שיחה ע"ו פון הייליגן רבי'ן אז יעדער איד דארף האבן שיעורים, אז צוביסלעך גייט עס איבעראל אריין..

דאס איז עס, די גאנצע וועלט לעבט פון הייליגן רבי'ן..

אויב מיר האבן שוין די זכיה צו קענען זיצן דא אין היכל הקודש אין די לעכטיגקייט אליינס, מיר זענען זוכה צו שפירן דאס וואס צדיקים האבן געשפירט, מיר ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, מיר האבן דעם חיים טובים, דארפן מיר אוודאי זעהן דאס ווייטער איבערצוגעבן פאר אנדערע, און גיין אין די וועגן פון אונזערע גרויסער רבי מוהרא"ש וואס האט דאס געטון כל ימי חייו מיט א מסירת נפש, מחי' זיין נאך א איד מיט די זיסע לעכטיגע עצות פון דעם הייליגן רבי'ן..

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

dominogrp.com
347-853-9830
hello@annexny.com
annexny.com
annex

# פאר די ברסלב'ע שטוב



**ש. טראכטער:**
**דער בעל הבית**
**איז אויבן**

**ל. וועבערמאן:**
**די נייע געים**

**נייע פארזעצונג:**
**ווארימע פרעסטן**

## זיך געטראפן מיט מוהרא"ש

*ג. פעקעטע*




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

ל. וועבערמאַן

# דִי נײַע געים!

"האלאו!" לייג מיר ארויף די קאווע אויף מיין אקאונט!" שרייט דער געסעטלטער אינגערמאן פון דערוויייטנס צום איידעלן ארבייטערביים רעדזשיסטער.

אין זיין רעכטע האנט האלט ער די גרעסטע סייז קאווע, אין די לינקע האנט האלט ער זיין סאפיסטיקירטע ביזנעס פאון, וואו ער דארף קוקן אלע וויכטיגע מעסעדזשעס. עס דערקענט זיך זיין שיינע געביגלטע ווייסע העמד, ווען צו די צוויי זייטן שטייען די שלייקעס ווי באדינערס. מלכי איז פון די איידעלע סארט, זי וואלט נישט געשטאנען און באטראכט קיין פרעמדע מענער, ס'פאסט בכלל נישט, נאר זי האט עס געזען אזוי אומוועלנדיג, ווייל זי איז געשטאנען און געשעפט גרייט צו באצאלן, ווען דער געסעטלטער אינגערמאן האט געגעבן א קום אריין פארנט פון איר.

מלכי איז א ווייבעלע פון 3 אונטער 3, איר מאנ'ס באשעפטיגונג דערווייל איז אביסל לערנען, און אביסל גיין צו די הייזער הפצה, און אויך אביסל העלפן מיט אנדערע זאכן אין הדפסה. פארשטייט זיך אז די געלט וואס קומט אריין איז נישט מורא'דיג אסאך, אבער שמחה איז דא. מ'איז זיך מחי' מיט די זיסע קינדער און מיט וואס מ'קען. ווען מלכי'ס מאן ברענגט איר אהיים אביסל געלט, גייט זי אריבער צו די נאנטע קליינע גראסערי, און זי קויפט איין וויפיל זי קען פאר די סכום וואס זי האט, אזוי קען זי האבן עפעס פאר נאכטמאל



און אפילו פאר שבת, און זי דאנקט דעם אייבערשטן פאר דעם.

יעצט איז מלכי געקומען אין געשעפט מיט א 'גאנצע' הונדערטער. זי מאכט א שנעלע חשבון וואס איז די וויכטיגסטע, און בעט דעם אייבערשטן עס זאל נישט קאסטן מער, זי זאל נישט דארפן האבן קיין חובות. מלכי לייגט ארויף איר צאמגעקליבענע אוצרות אויף די פאראדיגע רעכענען בעלט, זי לייגט קודם די מער וויכטיגערע זאכן, און ווען עס קומט צו הונדערט זאגט זי: "שוין! ביז דא וויל איך באצאלן, און די איבריגע וועל איך צוריקטראגן צו זייערע ערטער פון וואו זיי קומען".

דער איידעלער ארבייטער קען שוין זיין קאסטומער, און שטעלט זיך גערן צו, צו העלפן א אידישע משפחה'לע נישט ווערן פארפלאנטערט אין חובות.

מלכי שפאצירט אהיים געמיטלעך מיטן קינדער וועגעלע אנגעלאדנט מיט זעקלעך, זי טראכט פון די קליינע חוב וואס זי האט אין גראסערי, כאטש וואס זי שטרענגט זיך אן, זי איז גרייט צו מקבל זיין בזיונות און צוריקלייגן זאכן, אבי צו פארמיידן חובות, דאך קומט אויס אמאל אז ס'איז נישטא מיט וואס צו שבת מאכן מוז זי אויפשרייבן. די גראסערי האלט איר אין איין אנרופן און מוטשענען אז די חוב איז שוין אריבער 10 טעג, מלכי שטארק זיך און מורמלט זיך אונטער "באשעפער וואס נאך קען איך טון?"

עס שטייט איר פאר די אויגן די בילד פון דעם געסעטלטער אינגערמאן וואס מיט אזא 'האלאו!' איז ער שוין מסודר מיט זיין קאווע אן אפילו געבן א בלינק מיט די אויג, זיכער איז ער דער וואס האט עס, ניין? ער מאכט אזא גוטע איינדרוק - עס גייט אים גוט.

מלכי טראכט שוין אז זי וועט אנהייבן רוקן תפילות אויך צו קענען קומען צו אזא מצב צו קענען געבן א קויף וואס שמעקט איר. עס זעט איר אויס ווי א ווייטע טרוים וואס מ'דארף זיכער זיין א גרויסער עושר צו אנקומען צו אזא מצב, אבער מיט תפילה וועט זי זיכער באקומען.

פארטיפט אין אירע געדאנקען טרעפט זי זיך ביי איר טיר ארײנשלעפנדיג אלע זעקלעך, דא איז איר ווארעם און געשמאק, זי דארף זיך פון קיינעם נישט שעמען אדער פארענטפערן, זי לעבט זיך פרייליך מיט וואס זי האט יא.

בשעת זי פאקט אוועק יעדע זאך אויף די באשטימטע פלאץ, באגעגנט זי זיך מיט א קליין צעטעלע - די רעסיט, זייער גוט, זי וועט קענען איבערקוקן אויב אלעס איז טאקע גוט גערעכנט.

זי הייבט אן ליינען:

קאווע - 5.00 $

אויף די אקאונט - 5.00 $

באלאנס פון פריער - 5,300 $

יעצטיגע באלאנס - 5,305 $

עס האט איר גענומען כמעט א גאנצע מינוט צו כאפן וואס איז דא די מעשה. ביים באצאלן האט מען איר ארייגעלייגט ס'צעטעלע פונעם פריערדיגן געסעטלטער קאסטומער, וואס האט זיך נישט געוואגט צו קומען נאנט ביים רעכענען, ווייל מ'וועט אים זיכער נישט לאזן קויפן קיין איין איינציגן אייטעם אזוי!

פאר מלכי איז עס געווען ווי א גלעט פון הימל ווי צו בארואיגן אז ס'איז דא איינער וואס האט א גרעסערע חוב ווי איר, אזויווי די מעשה פון רחל אשת רבי עקיבא וואס דער אייבערשטער האט איר געשיקט איינער זאל ארײנקלאפן ביי די טיר צו בעטן שטרוי צום שלאפן. זיין ווייב איז א קימפעטארין, יעצט האט שוין רחל געהאט א קלארע ראי' אז זי קען זיין פרייליך אז כאטשיג שטרוי האט זי. ווי ארים זי איז, אבער פון איינעם איז זי רייכער.

די פאר גראסערי אייטעמס וואס זי דארף פאר די היינטיגע נאכטמאל לאזט מלכי אויפן קאונטער, זי שארט זיך ארויף די ערמל בשעת די ליפן שאקלט זיך מיט מיט די ניגונד'ל וואס עס זינגט זיך אונטער. זי בעט בתמימות דעם אייבערשטן צו קענען מאכן מטעמים פון די פשוטע עסן וואס זי האט. דערווייל וואס די צוויבל דינסט זיך, טראכט זי איבער די אינצידענט פון גראסערי, זי כאפט אויף א נייע דערהער, זי כאפט אז דר'עולם האלט טיף אינמיטן א געים - אן ערנסטע שפיל.

אלס מיידל פלעגט זי שפילן שטייג העכער, אדער ראמי, און אפילו שאך. אבער דא כאפט זי אז עס שפילט זיך אפ א נייע געים (ניי פאר איר, און די וועלט גייט עס אן היפש לאנג).

די געים גייט אזוי:

1. יעדער שפילער דארף האבן א בערזל מיט קארטלעך.

2. יעדער דארף אנשטעלן א פנים כאילו זיין אקאונט איז פול מיט געלט און אלע



קארטלעך ווערן געדעקט.

3. די אלע וואס זייער באנק ווייזט זיי אויף שווארץ אויף ווייס אז זיי געפונען זיך אין א מיינוס, דארפן טון ווי מער פעולות עס צו פארדעקן.

למשל איין עצה איז צו קויפן קאווע אין גראסערי אנשטאט צו מאכן אינדערהיים... נאך איין עצה איז אריינצוגיין נאר אין טייערע קליידער געשעפטן, און מקען אויך צוריקקוקן מיט אזא גע'גנב'טע בליק צו מאכן זיכער אז געוויס מענטשן זעען... מקען אפילו אפשמועסן ארויסצוגיין צוזאמען מיטן שכן, אזוי ווערסטו זיין זיכער אז זי זעט... וויכטיג איז, אז די טאג וואס אלע קינדער האבן אן א טייערע קלייד שיין אויסגעפוצט - יענע טאג זאל מען האלטן אפן אלע פירהאנגען אז די שכנים זאלן קענען גרינג אריינקוקן מיט די קוקער'ס. אבער ווי נאר איין קינד מאכט זיך שמוציג זאלסטו שנעל פארמאכן אלע פירהאנגען צו קענען רואיג אנשרייען דעם קינד און טוישן. אבער אוודאי קען מען נישט צוריק עפענען די פירהאנגען, איינער קען נאך מיינען אז מ'האט נישט געהאט גענוג געלט צו קויפן די זעלבע...

בקיצור... מלכי קען זיך נישט צו לאנג אויפהאלטן, באלד קען זיך איר געדינסטע צוויבל צוברענען, אין איר מח האט זי נאכנישט באגריפן די מטרה פון די געים, ווייל ווער איז צום סוף די געוואונער? וויאזוי ענדיגט זיך די געים? אבער זי ווייסט איין זאך אז זי מוז אריינלייגן די גרינצייג אין די זופ און צו לייגן אירע ווארימע תפילות אויב זי וויל האבן וואס צו סערווירן היינט.

שכח אייבערשטער די עסן איז שוין אויפן פלאם. מלכי קען זיך ערלויבן אראפצוזעצן אויף די ערד מיט די קינדערלעך בשעת זיי שלעפן ארויס שפילצייג איינס נאכן צווייטן, ביז די שאפעס זענען אויסגעליידיגט, צווישן איין שפילצייג און צווייטן פרובירט זי צו אויסגעפונען "אין וועלכע קאטאגאריע וויל איך באמת זיין?"

אזוי ווי מלכי האט שוין חתונה געהאט גלייך מיט די לימודים פונעם ראש ישיבה, ווייסט זי אויף זיכער אז זי שרייבט זיך נישט איין צו זיין א חלק פון די געים פון קארטלעך און חובות. כאטש דעמאלט איז נאכנישט געוועגן קיין האטליין מיט שיעורים פאר פרויען, אבער אזויפיל האט זי אויפגעכאפט אז חובות נישט!!!

אויב דער אינגערמאן ווערט פעסט מיטן ארויפלייגן א גרויסע קאווע אויף זיין אקאונט, איז די פעסטקייט איינגאנצן צורינען וועגן מ'דעקט אויף די קארפעט און עס באווייזט זיך נעבעך די חובות וואס ליגט אונטער דעם.

באמת וואלט מלכי נישט געגאנגען קוקן וואס טוט זיך ביי א צווייטנס ביל. נאר זעט אויס אז כדי זיך אליין צו קלאר מאכן האט דער אייבערשטער אריינגעשיקט די צעטעלע אין אירע הענט.

חובות וויל זי טאקע נישט, אבער איין זאך קען זי יא טוישן, ביז יעצט פלעגט זי יעדע מאל אויפן וועג צום געשעפט בעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער העלף אז איך זאל קענען קויפן אלע וויכטיגע זאכן און ס'זאל קאסטן ביליג". איז זי געווארן אויפגעקלערט און זי האט געטוישט איר תפילה, זי האט אנגעהויבן צו בעטן: "אייבערשטער העלף, איך זאל קענען אנפילן די הויז מיט א ברייטקייט לכבוד שבת קודש, און שיק שפע אלעס צו קענען באצאלן און אפילו נישט האבן א קליינע חוב"

פלא פלאים מלכי פארציילט ווי זי האט אנגעהויבן צו זען א ברכה אין די עסן. איר מח איז געווארן ברייטער, פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון - הייב אויף די הענט, האלט עס אפן, און ער וועט דיר עס אנפילן מיט אלעס וואס דו דארפסט נאר!

מלכי איז שוין מיד פון טראכטן אזוי סאך. זי הייבט זיך אויף פון די ערד וועגן פון איר שויס פליט לעגאס מיט מענטשעלעך, זי ציעט זיך גוט אויס די ביינער. וואו נעמט מען אביסעלע כח צו פיטערן די נאכטמאל? שכח אייבערשטער צום סוף איז עס געשען, דער טאטע מיט די מאמע מיט אלע 3 קינדער זענען געווארן זאט, א קליינע טענצל כאפט מען אריין צו דאנקען פאר די גוטס און 'גוד טו גאו' - איך בין גוט און מסודר.

מיט די ברכה פון מוהרא"ש אז עס וועט קומען שפע אין זכות פון העלפן פאר הדפסה והפצה, האט זיך מלכי מחזק געווען. אפאר יאר האט זי געהאט סבלנות און געפאלגט די עצות פונעם ראש ישיבה - וועגן ס'איז יא א צייט צו בארגן און וועגן נישט. שכח אייבערשטער צום סוף איז די שפע אנגעקומען און זי האט זיך מער נישט געדארפט ספראווענען מיט די טעגליכע קאסטן פון א אידישע לעבן.

(מעשה שהיה, נעמען און מינדערוויכטיגע פרטים געטוישט)



# הער א מעשה

## א. זויבערמאן
צפת

איך האב געדארפט פארעכטן מיינע ציינער אין ירושלים. איך בין געפארן מיט מיין מאן און א קינד.

אויפן וועג איז געווען אסאך אפהאלטונגען און מיר זענען אנגעקומען א שעה שפעט.

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז דער דאקטאר זאל אונז אננעמען, שכח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען מיט מיין מאן וואס איז געווען גוט מיטן דאקטאר און מיט סייעתא דשמיא האט ער אונז אנגענומען.

## א פרוי
פון אמעריקע

1. איך האב פארלוירן איין טייערע אויערינגל, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן בשעת'ן וואשן וועש.

2. מיר זענען געגאנגען אויף א טריפ מיט די מיידלעך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין קיין קאלטע טאג.

שכח אייבערשטער עס איז געווען א פיינע וועטער, אזוי אז די טריפ האט זיך ברוך השם זייער גוט אויסגעארבעט.

## א פרוי פון
קרית יואל

מיר האבן געדארפט איבער פעינטן די הויז, אבער מיר האבן נישט געהאט קיין געלט דערפאר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן איבערגעפעינט די גאנצע דירה, איך ווייס נישט וויאזוי עס קען געשען, אבער ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך.

איך האב גערופן א פעינטער צו פעינטן, איך האב אזוי געטראכט צו מיר אז איך וועל אים זאגן צו פעינטן נאר איין חלק, און הלוואי זאל ער פעינטן די גאנצע דירה פאר די זעלבע פרייז...

למעשה האט ער אנגעהויבן די ארבעט און נאך א טאג ארבעט בין איך געקומען קוקן די דירה זע איך אז ער ארבעט אויף די גאנצע דירה, איך האב אים געפרעגט וואס דאס מיינט, האט ער געזאגט אז ער האלט מען זאל איבערפרישן די גאנצע דירה... איך האב אים געפרעגט וויפיל געלט ער גייט רעכענען דערפאר, האט ער געזאגט ער בעט נישט מער געלט דערפאר... אויך האט ער נאך פאר די זעלבע פרייז געפעינט די טיר וואו מען קומט אריין.

## ח. ד. פ.
ירושלים עיר הקודש

פארגאנגענע יאר זענען מיר געווען אין יבנאל ביים יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע.

איך האב דארט זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאלן געבוירן ווערן אינגלעך ביי אונז אין משפחה, אונזער יונגסטער אינגל איז שוין געווען 9 יאר און איך האב זייער שטארק געוואלט נאך א אינגל.

איך האב אויך געבעטן אז אונזערע חתונה געהאטע קינדער זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער.

שכח אייבערשטער אין זכות פונעם צדיק איז אונז געבוירן געווארן אין משפחה פיר געזונטע לעבעדיגע אינגלעך. און שכח אייבערשטער אז אלע ברית'ן איז געווען אין צייט, און עס איז אויך געווען צוויי פדיון הבן'ס.

שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון די כח התפילה!!




# זיך געטראָפן מיט מוהרא"ש

במשך די יארן האט זיך מיין טעיסט געטוישט, אנגעהויבן האט זיך עס אין די אונגע צענערלינג יארן, ווען יעדער איינער האט געזאגט, אז מען מוז גיין צו די 'מכון פלעי' אינמיטן ווינטער. יעדער איינער גייט, דארף איך דאך אויך גיין, ניין? פאר אפאר יאר געווען די 'שטיק' צו גיין צו מכון פלעיס, און קוקן ווי מען שטעלט אהער א שיינע מעשה, אויסגעשפילט אויף א סטעידש, מיט פיל געלונגענע עקטערס, זינגערס, טאנצערס, און א געשמאקע צייט פארברענגט מיט חבר'טעס, נאך זיך אזויפיל אריינלייגן, און פרובירן צו טון די בעסטע וואס מען קען אין סקול, ביי די טעסט סעזאן.

ווען מען איז געווארן אביסל עלטער, און מער ערוואקסן, האט זיך עס אביסל איבערגעטוישט, עס איז שוין נישט געווען אינטרעסאנט צו גיין צו סתם א שפיל וואס א סקול שטעלט אהער, נאר יעדער איינער איז געגאנגען חול המועד צו די סליידס. מען פלעגט זיך ארומ'טענה'ען צו מען זאל גיין צו ד. פערלשטיינ'ס שוי, אדער צו מען זאל גיין צו א. אליאס פארשטעלונג, וואס זיי שפילן אויף שוי'ס אום חול המועד..

צומאל, ווער עס האט זיך ערלויבט, האט געקענט אפילו טאנצן אויף צוויי חתונות, גיין אין נאכט צו איינס, און די צווייטע טאג צו די צווייטע; אבער דאס האט זיך שוין געוואנדן יעדער איינער עקסטער, לויט זייער מאמע, צו זי האט יא אדער נישט מסכים געווען, אדער אויב זי האט איינגעגעבן צו זייער נודזשערייען אז זיי מוזן גיין נאכאמאל, ווייל יעדער איינער גייט, און פארוואס קיינמאל מעג איך נישט. אפאר שטארקע געזונטע מאמעס פלעגן זאגן 'מיר גייען נישט' זענען די מיידלעך געזעצן אין א זייט, און ווען יעדער איינער איז

געוווען ביזי פארמעסטן/צוגלייכן, די עקטער מיט יענע פערפארמער, אדער א פיעפטע טאנצער, האבן זיי נישט געהאט צופיל צוצולייגן, אבער אפאר מיידלעך מיט גוטע מידות פלעגן רוב מאל אזוי גוט זיין און זיי מיטיילן די מעשה, און מען האט זיי אויסגעהערט מיט שפאנענדע דארשט, איז דאך געווען זה נהנה וזה נהנה.

וואכן נאך וואכן פלעגט מען שמועסן און אנאליזירן, יעדע עקטער פון די שפיל, און יעדער האט ארויסגעגעבן זייער באליבסטע עקטער, וועם זיי האבן די מערסטע הנאה געהאט מיטצוהאלטן.

אלס א יונגע ווייבל שוין, האבן זיך אמאל א גרופע חבר'טעס צאמגענומען, צו גיין צו א אנטשפרעכנדע איינמאליגע שפיל, וואס איינע פון די מערסט באליבסטע זינגערן - אויף איינע פון די סלייד שאו'ס - גייט יעצט אליין פארשטעלן. די שמחה איז געווען גאר גרויס, מיר גייען צו א פארשטעלונג, וואס גייט ווערן אפגעראכטן דורך די דאזיגע פרוי, וואס יארן פלעגן מיר רעדן וועגן איר, ווי געלונגען, ווי שיין און ווי זיס איר קול איז, און ווי גלאט אירע טענער קומען ארויס, און ווי הויעך זי קען ארויפציען, ממש ווי א פייגל זינגט שירה.

מיר האבן אלע ארויסגעקוקט אויף יענע נאכט, ווען מיר וועלן זיך צאמנעמען נאך איינמאל א גרופע חבר'טעס, און פארברענגען א געשמאקע נאכט, הנאה האבן פון די זיסע טענער, און ניגונים וואס וועט ווערן דארטן פארגעשטעלט.

איך האב זיך געגרייט מיט מיין בעג פאפקארן, א טרינק, און אפאר לייכטע פרוכט און נאשערייען, צו פארברענגען מיט א זיסע טעם אין מויל, בשעת'ן הנאה האבן פון די הערליכע וואונדערליכע זינגערן וואס איז אזוי טאלאנטפול.

זעמיר אנגעקומען צום שפיל, מען האט געגעבן די טיקעט ביים טיר, געטראפן די רייע בענקלעך, האבן מיר זיך אלע באקוועם געמאכט און זיך אוועקגעזעצט הערן, ווי אונזער אלעמען באליבטע און ארויפגעקוקטע טאלאנטפולע דבורה, וועט שוין ענדליך אנהייבן איר שאוי.

איך בין אבער געווען צו פרייליך צו זיין ביי א לעבעדיגע שפיל פון דבורה, וואס יארן לאנג פלעג איך שוין הערן איר זיסע קול, איר טאלאנטפולע געזאנג, איך האב זיך נישט געקענט באצוימען, צו זיצן אויף מיין פלאץ - ערגעץ וואו ארויפגעשטופט הויעך אין די גאללערי; איך זאג פאר מיינע חבר'טעס אז איך קום שוין, איך דארף עפעס גיין אויסטשעקן. איך האב געקלערט צו זיך, איידער די שאוי הייבט זיך אן, וועל איך פרובירן זיך ארייצוכאפן אונטער די קוליסן, הינטער פון די סטעידש, און פרובירן צו זען די שטערן 'דבורה' פערזענליך - אלס א אמת'ע לעבעדיגע מענטש.

אזוי ארום האב איך געטאפט וווענט, פרובירנדיג זיך ארייצוכאפן אין די באהאלטענע צימערן, וואו מען גרייט זיך ארויסצוקומען צום שפיל. איך האב געהערט ווי די מייק צינדט זיך אן, איך האב געהערט ווארעמע ניגונים, ווארעמע מוזיק זינגט אינדרויסן, ביי די אפענע אודיטאריום, אבער איך האב געקלערט אז איך קום שוין, שוין צוריק צו מיין פלאץ, הנאה האבן פון די שיינע פארשטעלונג. איך שפיר אז איך מוז קודם גיין זען די ארויפגעקוקטע 'דבורה' לעבעדיגערהייט, איידער איך קען זיך אוועקזעצן און ווייטער הנאה האבן פון איר געשמאקע אנגענעמע קול.

אזוי האב איך גענישטערט און געזוכט נאך א מינוט, און נאך א מינוט - ווען וועל איך איר שוין קענען זען מיט מיינע אייגענע צוויי אויגן- און אפשר וועט מיר אפילו געלונגען צו כאפן א בילד מיט איר, אדער אפשר וועט מיר אפילו געלונגען איך זאל איר קענען זאגן ווי שטארק איך האב הנאה פון איר טאלאנט, און אז איך האלט אז זי קען זינגען שענער ווי סיי וועלכע זינגער וואס איך האב איר נאר אמאל געהערט.

אזוי לויפן די מינוטן אדורך, איך האב זיך אבער נישט געקענט אוועקזעצן און הנאה האבן פון די שיינע פארשטעלונג, עס איז געווען אין מיר אזא שטארקע דרייוו, אזא שטארקע געפיל, וואס האט מיר געשטופט נאך א מינוט און נאך א מינוט, אפשר יעצט ווער איך איר שוין קענען געבן א באגריס, אפשר יעצט ווען זי ענדיגט אט די ניגון, וועט זי ארייקומען אונטער די קוליסן און זיך כאפן די אטעם, אדער געבן א טויש איבער, און יעצט וועט זיין מיין געלעגנהייט איך זאל איר קענען 'באמת' טרעפן, איז דאך א שאד איך זאל יעצט אוועקלויפן פאר שולחן ערוך, האב איך זיך אליינס געשטארקט.

אזוי איז אריבער א שעה צוויי, וואס איך האב פרובירט יעדע מין וועג צו קענען כאפן איר בליק, צו קענען כאפן איר האנט, און איר זאגן ווי שטארק איך האב הנאה פון איר ארבעט, ווי געשמאק ווארעם און הארציג זי זינגט; און וויכטיגסטנס כאפן א בילד- צו קענען ווייזן פאר מיינע חבר'טעס "יא, איך האב איר געטראפן לייוו".

***

איך ווייס אז צומאל כאפט דיר אַזאיך ווייס אז צומאל כאפט דיר אן די געפיל - ווי דו שפירסט - א שאד איך האב נישט זוכה געווען צו קענען מוהרא"ש לייוו - ביים לעבן. אדער אויב דו האסט יא געהאט די זכיה זיך צו טרעפן מיט מוהרא"ש נאך ביים לעבן, כאפט דיר זיכער אן די געפיל אז דו האסט עס נישט גענוג אויסגענוצט, אז דו וואלסט ווען אסאך מער געקענט אריבערגיין צו מוהרא"ש, און זיין נענטער מיט מוהרא"ש....

איינמאל ביי א חתונה איז געקומען א בחור און זיך געשטופט אנצוכאפן מוהרא"ש'ס האנט צו טאנצן צוזאמען אין די רינג, האט מוהרא"ש אים געזאגט: "וואס שטופסטו? דו ווילסט מיר אנכאפן? עפן אויף מיין ספר, עפן אויף א אשר בנחל! ווייל אין א ספר פון א צדיק איז באהאלטן זיין פנים, זיין שכל און זיין נשמה." מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט זייער א גוטע ווארט.

דו פילסט האסט עפעס פארפאסט אין לעבן? ווייין נישט אויף אויסגעגאסענע מילך, ווייין נישט איבער א זאך וואס איז געווען. נעם א ספר אשר בנחל, עפן אויף א ספר פון א צדיק, דארט אין דעם ספר וועסטו טרעפן דעם צדיק, וועסטו קענען אנכאפן דעם צדיק, נאך אסאך מער ווי דער וואס האט אנגעכאפט א האנט פון א צדיק, אבער נישט הנאה געהאט אדער גענוצט פון די שכל פונעם צדיק.

איך האב טאקע געכאפט די בילד מיט אונזער סטאר פערפארמער דבורה, אבער איך האב בכלל נישט הנאה געהאט פון איר הערליכע, ווארעמע, הארציגע נאכט וואס זי האט אראפגעלייגט- פון וואס מיינע אלע חבר'טעס האבן אזוי הנאה געהאט, זיך דערוווארעמט און אויפגעפרישט ווייטער אנצוגיין. ווייל איך בין געווען פארנומען אנצוכאפן די גוף פון דבורה. אבער די טאלאנט, די ווארעמע געפיל, די געשמאקע טעם, פאר מיר - אין מיין לעבן - קען מען נאר באקומען דורכ'ן אויסהערן די ניגונים - דורכ'ן אויסהערן די קול פון א צדיק. דורכ'ן הערן די עצות, ליינען די בריוון, און זיך מחזק זיין מיט זייערע חיזוק, איז מען זוכה צו כאפן אן אמת'ע סעלפי, און ווערן צוגעבונדן צו די טאלאנטפולע סטאר.

לאמיר טאקע געבן א קוועטש אויף די קנעפל, א צינד אן די playback - און הערן, זיך דערוווארעמען מיט די ווארעמע ניגון וואס מוהרא"ש פלעגט אלעמאל זינגען. כדי אונז צו דערמאנען אז די גאנצע וועלט איז איין שטיק אייבערשטער, יעדע זאך וואס מען זעט קומט פון דער אייבערשטער, יעדע זאך וואס פאסירט פירט דער אייבערשטער, און יעדע זאך וואס מען דארף זאל מען זיך ווענדן נאר צום אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער אליין איז 'ממלא כל עלמין, וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבלעדיך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם'.

**וואו איז מוהרא"ש?**<br>**וואס האב איך אין מיין טאש?**<br>**די יארן לויפן,**<br>**איך וויל איינקויפן.**

**איך בענק און איך האף,**<br>**צו האבן א לעבן כולו טוב.**<br>**ווי אזוי באקומט מען עס,**<br>**צו לעבן מיט אן אמת?**

**דורכ'ן לערנען די ספרים,**<br>**די בריוו פון אלע יארן.**

**עס אנהייבן צו פאלגן,**<br>**וועט די תוצאה נאכפאלגן.**

**מען דארף בעטן און האפן,**<br>**דעם אמת'ן צדיק צו טרעפן.**<br>**פאלגן יעדע דיבור,**<br>**און זיך האלטן ווי א גיבור.**<br>**מיט עקשנות נישט אויפגעבן,**<br>**קען מען האבן א זיס לעבן.**<br>**יעדן טאג התבודדות גיין,**<br>**וועט מען נישט שפירן אליין.**

**עס ברענגט נאנט צום ציל,**<br>**ווייל דער לעבן איז א שפיל.**<br>**ווי דער רבי זאגט קלאר,**<br>**'די וועלט נארט אייך' זייט וואר.**

**לאזט אייך נישט נארן,**<br>**זייט שטארק ווי די הארן.**<br>**מיט תפילה קען מען זען,**<br>**ניסים זאל געשען.**

**מען קען צום תכלית דערגרייכן,**<br>**דורכן פארגיסן טרערן טייכן.**<br>**און אפילו אן די נאסקייט,**<br>**קען מען שרייען קולות שטילערהייט.**

**מען בענקט און מען האפט,**<br>**צום צדיק מען ווערט באהאפט.**<br>**סבלנות דארף מען זיך איינקויפן,**<br>**א גרויסע פילע הויפן.**

**דאן וועט מען זען וואונדער,**<br>**נחת געזונט און ערליכע קינדער.**<br>**אז מען טוט די עצות פון רבי'ן,**<br>**קען מען גליקליך דורך גיין דעם לעבן.**<br>**זיך האלטן שטארק קיינמאל אויפגעבן,**<br>**וועט מען מיט משיח קענען לעבן.**<br>**אמן!!!**

# ווארעמע ברעסטן



אוּן אזוי בין איך געטאנצן און שיך אין די פרוסטיגע רוסישע שניי, בשעת מיין מאמע מוטיגט מיר פון דער זייט, "טאנץ בתי'לע טאנץ. און אז דער אייבערשטער וועט העלפן וועסטו זיך גוט פארקילן, און אזוי וועסטו נישט דארפן גיין אין שולע און חלילה פארשוועכן דעם שבת קודש."

פיל פון אייך זענען שוין אפשר עטוואס באקאנט מיט די העלדישע געשיכטע פון די חשוב'ע מרת בתיה בארג ע"ה. ביז לעצטנס איז מרת בתי' בארג ארומגעגאנגען רעדן און איבערגעבן איר אומגלויבליכע געשיכטע פון מסירת נפש, אמונה פשוטה, אידישע שטאלץ, אהבת ישראל און אהבת ה' איבער די גארער וועלט

איר געשיכטע איז איינס פון טויזענטער העלדישע געשיכטעס וועלכע האבן געוועבט די סחורה פון כלל ישראל דורכאויס די גלות בכלל און פון די מסירת נפש פון די רוסישע אידנטום בפרט

ליינענדיג די העלדישע געשיכטע ווערן אסאך מענטשן אנטמוטיגט, טראכטנדיג צו זיך "וואו ווייט איז דאס פון מיינע השגות... איך וואלט אזוינס נישט געקענט באווייזן. פיל מיינען אז דאס איז נאר א געשיכטע וואס האט זיך געקענט אפשפילן אין פריערדיגע צייטן, און מיינט נישט מיר און איז מיר נישט מחייב."

אבער דער אמת איז אזויווי דער הייליגער רבי זאגט אונז אז יעדער מענטש בזה העולם פראבירט מען אויס מיט שווערע ביטערע נסיונות, און דער עיקר איז "מה שקורין" דערהאלטן זיך. מיר זענען אין א כסדר'דיגע מלחמה זיך צו האלטן ביי די קלארע און ריינע אמונה. די מטרה איז די זעלבע, נאר די שפיל און די צוגעהערן זענען אנדערש איסגעשטעלט אין יעדע דור



01

ש. טראכטער

אמאל איז עס געווען קאמיוניסטן, סאציאליסטן און אמאל מלחמות און רדיפות. שפעטער איז עס איז געווען די אפיקורסים וואס האט געשוועבט אין די אמעריקאנע גאס מיט די נסיונות פון שמירת שבת, און היינט איז עס א דור מיט אירע אייגענארטיגע נסיונות. די מלחמה צו בלייבן ביי די ריינע אמונה גייט ווייטער אן

דער אייבערשטער האט אונז ברוך השם נישט אויסגעשטעלט צו רדיפות פון די קעי. דזשי. בי. אדער פון פראגראמען. אמאל האט מען געקעמפט צו זיין אן ערליכע איד צווישן גוים, און היינט דארפן מיר קעמפן צו בלייבן אן ערליכע איד צווישן אידן

אין א דור ווי "אמונת חכמים", "אמונה פשוטה" "ריינע שטובער" איז אלטמאדיש און צוריקגעשטאנען, דארפן מיר אויך נוצן די זעלבע כוחות ווי די פריערדיגע האבן גענוצט

ווי איר וועט ליינען אין די העלדישע געשיכטע איז בתיה אויפגעוואקסן ביי אירע הייליגע עלטערן, מיט א לעבן וואס איז געווען געווייקט מיט אמונת צדיקים, התבודדות פשרה'לאזע אידישקייט און תמימות מיטן אייבערשטן, מיט תורה ומצוות

דאס איז עפעס וואס מיר קענען און דארפן אריינבאקן אין זיך, און אוודאי אויך אין אונזערע קינדער "שזאת התורה לא תהא מחלפת"

די תורה טוישט זיך נישט, קיין חילוק וואס די וועלט זאגט, קיין חילוק וויאזוי די ווינטן בלאזן אינדערויסן, מיר בלייבן געטריי "מי לה' אלי"...

און די קייט פון מסירת נפש פון טויזענטער יאר זייט הר סיני וועט זיך בעזרת השם ווייטער ציען אין מיין מקדש מעט

ליינט מיט הנאה און מיט תפילה צו זוכה זיין אריינצונעמען די לימוד אין הארץ.

זאל די פארזעצונג זיין לעילוי נשמת בתיה בת ר' יהודה לייב ע"ה, וועלכע איז נפטר געווארן א קורצע צייט צוריק כ' חשון, און האט ליידער נישט זוכה געווען צו קיין קינדער.

ווען זי פלעגט רעדן צו פרויען און מיידלעך, פלעגט זי כסדר זאגן "איך האב ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קדיש נאך מיר, דעריבער אויב איינער פון אייך לערנט זיך ארויס און פארבעסערט זיך א דאנק מיין דרשה, זאל דאס זיין ווי א קדיש פאר מיר."

ר' יהודה לייב מייזליק ז"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תרמ"ט, די יונגסטע קינד צו זיינע חשובע עלטערן ר' חיים דניאל און בתיה מייזליק ע"ה

אין יענע יארן איידער קאמיוניזם איז אויפגעשטיגן אין רוסלאנד זענען די אידן אויפגעוואקסן מיט א ריינע ערליכע חינוך, דורכגעווייקט מיט תורה ויראת שמים

ווען דער קליינער יהודה לייב איז אונטערגעוואקסן האט ער געלערנט אין די ישיבה פון סלאבאדקע געפירט דורך דעם גרויסן ראש ישיבה "הרב ר' ברוך בער לייבאוויץ זצ"ל."

שפעטער האט ער אויך פאר א קורצע וויילע געלערנט אין די ישיבה פון סלאנים. ר' יהודה לייב איז געווען באקאנט אלץ א גרויסע מתמיד און ירא שמים. אויך איז ער געווען זייער נזהר בדיבור - אפגעהיטן אין שמירת הלשון נישט רעדן פון א צווייטן

אזוי האט יהודה לייב געלערנט אין ישיבה ביז די ניינצן יאר. נאך איידער ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שטוב האבן שווארצע וואלקענעס באדעקט די רוסישע הימלען

עס איז דאן ארויס די גזירה פונעם צאר אז אלע ארבעטס פעאיגע בחורים דארפן גענומען ווערן אין מיליטער צו דינען דעם צאר

חוץ די גשמיות'דיגע סכנה האט דאס באדייט א כמעט זיכערע רוחניות'דיגע טויט פאר די אידישע בחורים. די מיליטער איז געווען אויסגעשטעלט גרויזאמערהייט צו באצווינגען די אידישע סאלדאטן אפצולאזן די תורה מיט אירע מצוות. געצווינגענערהייט האבן די בחורים געדארפט ארבעטן שבת און עסן נבילה און טריפה

זייער ווייניג זענען ארויסגעקומען ערליך נאך זייער געצווינגענע יארן אין ארמיי

פיל בחורים פלעגן פראבירן צו באקומען א "פטור" (א באפרייונגס צעטל) דורך גיין צום דאקטער און שפילן "נישט נארמאל" אדער "קראנק". פאר פיל איז עס געלונגען אבער פאר פיל אנדערע נישט

אויך יהודה לייב האט פראבירט דעם טאקטיק אבער ביי אים איז עס נישט געגאנגען און דער דאקטער האט אים דערקלערט "געזונט און שטארק."

*פארזעצונג קומט אי"ה*

ש. טראכטער



# דער בעל הבית איז אויבן!

עס איז באקאנט אז דער רבי פון סאטמאר זי"ע האט זייער געוואלט אז זיינע תלמידים וחסידים זאלן גיין נאך געלט.

מען דערציילט אויף איינע פון די חסידים, א גרויסער עושר, אז ער איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן און דער רבי האט אים געזאגט: "איך וויל אז דו זאלסט גיין נאך געלט." דער איד האט געטראכט אז מן הסתם האט ער נישט גוט געהערט און האט געפרעגט ארויסשלעפנדיג זיין טשעק ביכל: "וויפיל געלט דארף דער רבי?"

דער רבי האט אים אנגעקוקט מיט א שמייכל און איבערגעזאגט: "איך דארף נישט דיין געלט. איך וויל דו זאלסט גיין נאך געלט..."

אין יענע תקופה איז געווען א איד ר' פישל, וואס האט ווי אן ערליכער איד אויסגעפירט רצון צדיק, און אפילו ער איז געווען א פארנומענער בעל הבית פון א גרויסע פארבריק, האט ער אראפגענומען צייט און איז איינמאל א וואך ארומגעגאנגען נאך געלט. ר' פישל פלעגט גיין אין מאנהעטן ווי אידן שומרי תורה ומצוות פלעגן דאן האבן פארבריקן און געשעפטן און זאמלען פרוטה נאך פרוטה, און ער פלעגט דאס שפעטער איבערגעבן פאר'ן סאטמארער רבי זי"ע.

איין טאג שפאצירט ר' פישל אריין אין א צירונג געשעפט און זעט ווי דער בעל הבית פון געשעפט זיצט פארטיפט איבער א שטיקל צירונג וואס ער פרובירט ווארשיינליך צו פאררעכטן.

ר' פישל איז צוגעגאנגען צו אים און אים געגעבן א פרעג: "איר זענט דער בעל הבית?"

דער איד האט ניטאמאל אויפגעהויבן די אויגן פון זיין ארבעט, נאר געשאקלט מיט'ן קאפ אויף ניין.

ר' פישל האט זיך געוואונדערט, עס האט זיך אים געדאכט אז ער דערקענט דעם איד אלץ אייגנטומער פון די געשעפט, ער איז שוין געווען דא אין די פארגאנגענהייט איינקויפן.

"איז וואס זענט איר יא?" געט ער א פרעג.

דער איד הייבט אויף זיין בליק און א שמייכל דערקענט זיך אויף זיין געזיכט "איך בין פשוט די מענעדזשער דא דער בעל הבית איז דא" זאגט ער צייגענדיג אויפ'ן הימל אינדרויסן פון געשעפט.

ר' פישל האט זיך צעשמייכלט און האט זייער הנאה געהאט פון דעם אמת וואס דער איד האט אים דא געלערנט. זיי האבן געשמועסט אפאר מינוט, ר' פישל האט אים געזאגט די צוועק פון זיין קומען, דער איד האט אים געגעבן א שיינע נתינה און זיי האבן זיך געזעגנט ווי גוטע ברודער.

ר' פישל איז ארויס פון געשעפט, אבער די געשעפט איז נישט ארויס פון אים. ער האט אסאך געטראכט פון זיין קורצע שמועס מיט'ן איד און איינגעזען אז א איד דארף אזוי לעבן, מען דארף אלעמאל געדענקען ווער און וואו דער בעל הבית איז.

א טאג שפעטער ווען ר' פישל איז אריין צו זיך אין געשעפט און איז נאך געווען אונטער'ן רושם פון די הרהור תשובה וואס ער האט געכאפט, האט ער באשלאסן ארויפצושטעלן א גרויסע טאוול ביי זיין אפיס וואו עס איז געשטאנען 'דער בעל הבית איז אויבן', מיט א צייכן וואס ווייזט אויף ארויף.

אזוי האט דאס אים טעגליך דערמאנט ווער עס איז דער אמת'ער בעל הבית און וואס דער תכלית פון דער וועלט איז.

עס איז שוין געווארן אזא שפריכווארט, וואס אלע ארבעטער האבן זיך מיט די צייט געווערטלט. "פישל איז נישט בעל הבית, ער איז מענעזשער." אפילו די נישט אידישע ארבעטער האבן שוין געוואוסט צו זאגן, "דער בעל הבית פון געשעפט איז דער אידישער גאט."

איין שיינעם טאג, באקומט ר' פישל א טעלעפאן קאל אין אפיס, א קליענט וויל וויכטיג רעדן מיט אים. "אנטשולדיגט, איך האב אייך נאר געוואלט מעלדן אז איך האב באשטעלט ביי אייך 250 היטלעך און איך האב נאר באקומען 230."

ר' פישל האט זיך אנטשולדיגט פאר'ן קאסטומער. עס מאכט זיך צומאל א טעות און פארשפראכן צו פאררעכטן די טעות און תיכף אפשיקן די סכום וואס פעלט.

אויפצומארגנס רופט אריין א צווייטער געשעפט מיט אן ענליכע טענה, זיי האבן באשטעלט 130 קעפס (היטלעך) און נאר באקומען 123.

אינטערעסאנט, צוויי קליענטן אין צוויי טעג. אבער עס קען זיך מאכן א טעות. אויך דא האט ר' פישל פארשפראכן ארויסצושיקן די נייע און זיך אנטשולדיגט פאר די עגמת נפש.

ווען די זעלבע מעשה האט זיך אבער איבערגע'חזר'ט אין די זעלבע וואך נאך פיר מאל, האט שוין ר' פישל אנגעהויבן טראכטן אז דאס איז נישט קיין טעות, עפעס גייט פאר אין פאבריק אונטער זיין באוואוסטזיין און ער וועט דאס מוזן נאכקוקן.

דורכאויס די נעקסטע פאר טעג האט ר' פישל נאכגעקוקט די ארבעטער (על פי רוב נישט אידישע) אבער ער האט גארנישט געזען עפעס וואס האט אויסגעזען פארדעכטיגט. ער האט געבעטן דעם אייבערשטן זאל אים באווייזן וואס דא גייט פאר, אויב איינער בא'גנב'ט אים אינטערן רוקן.

ביז איין טאג ווען א געוויסער ערל איז ארויס פון פאבריק, ר' פישל האט זיך געוואונדערט פארוואס דער נישט אידישע ארבעטער שלעפט זיך אהיים מיט אזא גרויסע זעקל, אבער ער האט גארנישט געפרעגט.

דער אייבערשטער האט געהאלפן און פלוצלינג האט זיך דער זעקל פון דעם נישט אידישן ארבעטער צעריסן און פונעם זעקל האבן אנגעהויבן ארויסצורינען אן א צאל קעפס, איינע נאכן צווייטן.

אט דער ארבעטער איז געווען געשטעלט צו פאקן די באקסעס וואס דארפן גיין צו די קונים, און ער האט געמאכט א חלוקה פאר זיך בשעת מעשה און זיך מכבד געווען מיט אפאר שטיק פון יעדע ארדער.

ר' פישל האט שוין אלעס פארשטאנען און פארשטייט זיך אז אויפן ארט האט מען יענעם אפגעזאגט פון די ארבעט. מען האט נישט געדארפט קיין באווייז, דער גנב איז געכאפט געווארן רויט-האנטיג און ר' פישל האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער איז באצייטנס פטור געווארן פונעם גנב איידער די שאדן איז געווען צו גרויס.

עס איז אריבער א וואך און ר' פישל דרייט זיך אינעם פאבריק. פלוצלינג באמערקט ער א צעהיצטע ערל קומט אריין אין געשעפט און לויפט צו אן ארבעטער און פרעגט אים היציג, "וואו איז דער בעל הבית?" און נאך איידער דער ארבעטער האט עספיעט צו ענטפערן, האט דער גוי באמערקט דעם טאוול וואס איז געהאנגען אין פאבריק: "דער בעל הבית איז אויבן..."

דער גוי האט זיך אויסגעדרייט צו די טרעפ, קלערנדיג אז דער בעל הבית זיצט טאקע אויבן, און שפרינגנדיג צוויי טרעפ אויפאמאל איז ער ארויפגעלאפן אויבן.

ר' פישל האט באטראכט די גאנצע מעשה פון די זייט און א שרעק האט אנגעפולט זיין הארץ, וואס זוכט דא דער צעהיצטער ערל? ער האט אים נאכגעקוקט און צו זיין שרעק האט ער באמערקט ווי עס שטעקט זיך ארויס א מעסער פונעם גוי'ס טאש.

ר' פישל האט נישט געווארט קיין רגע און תיכף גערופן פאליציי.

ער האט שוין געהערט פון אויבן ווי דער גוי שרייט, האקט און ווארט מיט רציחה אז דער בעל הבית זאל עפענען.

ביז אפאר מינוט איז פאליציי דארט געווען און געקייטלט דעם פארברעכער, וואס האט גלייך מודה געווען זיינע פינסטערע פלענער, ער איז געקומען נקמה נעמען אינעם איד וואס האט "ברוטאל, אן קיין שום סיבה" פארשיקט זיין ברודער פון די ארבעט פארגאנגענע וואך...

מען האט דעם גוי אפגעשיקט אין טורמע, בשעת ר' פישל הייבט אויף זיינע אויגן צום בעל הבית און דאנקט אים ווידער על כל החסד אשר עשית עמדי...

אז א איד פארגעסט פאר א רגע ווער דער בעל הבית איז, קענען די רעזולטאטן זיין טראגיש...

ווען מיר פארגעסן חלילה ווער עס איז דער בעל הבית, ווער עס שיקט די הצלחה און דער נסיון, ווער עס געבט די כח צו בייצושטיין די נסיונות, איז דאס לעבן, קיין לעבן נישט!

פארקערט אבער ווען מען איינערקענט אז דער אייבערשטער איז דער בעל הבית, פארט אלעס א מחי'.

# קלאסיפיידס










**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יודל דעפעריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צום בר מצוה פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

Deadline to advertise Sunday 12:00

# קינדער בלעטל



## וואס פלעגט מוהרא"ש ז"ע טון אין די שווערע צייטן?

ליינט מיט שפאנונג די האר אויפשטעלנדע געשיכטע פון מוהרא"ש ז"ע אינעם מעשה'לעך אפטיילונג

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע מאמר חז"ל דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי' האט אמאל געזאגט: "א פאטש געכאפט, און פרייליך געקלאפט"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי' האט אמאל געזאגט פאר ר' נתן: דיין שוך האט א פנים ווי**

א. א שוך מיט דריי עקן
ב. א שוך לעפל
ג. א טעלעפאן בוק
ד. א פאטש אין פנים
ה. וַיְזָתָא

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער תנא עקביא בן מהלל האט געזאגט פאר די חכמים: איך וועל ענדערש זיין א שוטה מיין גאנץ לעבן, ווי צו זיין א רשע פארן אייבערשטן איין מינוט

## געב א שמייכל

**וואספארא שייכות האט א הונט מיט א פערד?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לט. מָשִׁיחַ יָבוֹא בְּפֶתַע פִּתְאוֹם, וְעַל יְדֵי זֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה יִפְחֲדוּ יִשְׂרָאֵל.**

מָשִׁיחַ וֶועט אָנְקוּמֶען פְּלוּצְלִינְג, און פון גְרוֹיס שִׂמְחָה וֶועלְן דִי אִידְן מוֹרָא הָאבְּן.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג), **און שיק אריין צום בלעטל ווער דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים), **און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **משה יוסף זעלקאוויטש - קרית ברסלב - כתה ד**



# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## וָואס טְרַאכְט אַ צַדִּיק?

קִינְדֶער, אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן וָואס אַ צַדִּיק טוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר אִין יָאר תשמ"ט שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶקְסִידֶענְט, אַ קַאר הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵויייטֶע קַאר, אִין דִי קַאר אִיז גֶעזֶעצְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן; אָבֶּער דְרֵיי פִינְגֶערְס פוּן זַיין רֶעכְטֶע פוּס הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז מוֹהֲרָא"ש דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּערַאצִיֶע, אוּן דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אַז לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר; דֶער סֵפֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעמַאכְט אִין דִי הֵייל דִי דְרַייצְן יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר.

בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט אִין שְׁפִּיטָאל דִי הֵיילִיגֶע תִּקּוּנִים הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ דִי אַפֶּערַאצִיֶע וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶס פַאלְט אִים אַיין בַּיים זָאגְן תִּקּוּנִים.

מִיטְוָואךְ אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרִיבֶּער דִי אַפֶּערַאצִיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִיסִים, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם; דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאט מוֹהֲרָא"ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ", חִידוּשִׁים אוּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, דָאךְ הָאט עֶר דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי גְרוֹיס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען; אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן שְׁרַייבְּן דָאס אַרָאפּ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, וֶועט אוּנְז אוֹיךְ זַיין גוּט; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת.




מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט חִידוּשִׁים אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקוּנִים

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאַריגע מָאל הָאט מֶען פַארְצֵיילְט פוּן מֶענְדִי, אַלֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן זַיין כִּיתָּה הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דִי טֶעלֶערְ'ס, וַוייל אֵיין אִינְגְל הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק?

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: בַּיי יֶענֶע טִישׁ הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דִי עֶסְן, און אוֹיךְ בַּיי יֶענֶע טִישׁ.

"קִינְדֶער! הַיינְט אִיז דָא אַ נֵייעֶר קֶעכֶער, עֶר הָאט גֶעקָאכְט סְפֶּעצִיעֶל פֵּיינֶע עֶסְן" - דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פֵּייעֶרְלִיכְקֵייט - "עֶסְט מִיט אַפֶּעטִיט און פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ בַּאדַאנְ... אוֹי, וָואס גֵייט דָא פָּאר? מֶען עֶסְט נִישְׁט דִי פֵּיינֶע עֶסְן?" - נָאר יֶעצְט הָאט דֶער רֶבִּי בַּאמֶערְקְט דִי גֶעשַׁאפֶענֶע סִיטוּאַצְיֶע - "פַארְוָואס?"

" סְ'בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמַאק..."

"עֶס שְׁמֶעקְט פוּן דֶעם..."

"עֶס זֶעט אוֹיס פָּאנִי..."

"עֶס הָאט אַ טַעַם פוּן וַואסֶער..."

"סְ'הַארְט..."

"סְ'שַׁארְף..."

"סְ'קַאלְט.."

אַ גַאנְצֶע כָּאר פוּן אִינְגְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען בַּאזִינְגֶען דִי עֶסְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת וָואס קֶען נָאר זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי פְּרָאבִּירְט אִיבֶּערְצֵייגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג און עֶס אִיז זֵייעֶר גוּטֶע עֶסְן, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט מוֹדֶה צוּ זַיין אַנְטְקֶעגְן "יֶעדְן" אַז עֶכְט אִיז עֶס יָא סְפֶּעצִיעֶל גוּט. און בַּיי מִיר אִין הַארְץ אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ הֶעפְטִיגֶע גֶערַאנְגְל.

אִיךְ וֵייס דָאךְ גוּט, אַז אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאלֶעקְט מִיט דִי פֵּיינֶע לָאקְשְׁן, וֶועל אִיךְ עֶס יֶעצְט נִישְׁט עֶסְן, נָאר וַוייל אֵיין אִינְגְל הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן?

נֵיין! עֶס אִיז אַ נַארִישֶׁע זַאךְ. אָבֶּער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן, נָאכְדֶעם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וֶועלְן זַיין מַיין חַבֶר. אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין הוּנְגֶערִיג סְתַּם צוּלִיבּ אַ זִינְלָאזֶע בִּלְבּוּל אוֹיף דִי לָאקְשְׁן.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ וֵוילֶע הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקְוֶוענְקְלְט און עֶנְדֶע הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן, אַז עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ נִישְׁט עֶסְן נָאר וַוייל אַ צְוֵוייטֶער טוּט אַזוֹי, אֲפִילוּ אַ גַאנְצֶע לָאנְטְשׁ רוּם טוּט אִים נָאךְ, אִיךְ דַארְף לֶעבְּן און גֶעפֶעלְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אִיךְ הָאבּ דְרֵייסְטֶערְהֵייט גֶענוּמֶען דִי לֶעפְל אִין הַאנְט און וַוייטֶער גֶעגֶעסְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע לָאקְשְׁן.

פוּן וִוינְקְל פוּן אוֹיג הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט וִוי אַן אַנְדֶערֶע אִינְגְל פַאנְגְט אוֹיךְ אָן צוּ עֶסְן און דַאן נָאךְ אֵיינֶער און נָאךְ אֵיינֶער. בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע פוּן קְלוּגֶע אִינְגְלֶעךְ וָואס טוּעֶן וָואס אִיז רִיכְטִיג און נִישְׁט וָואס "יֶעדֶער" טוּט.

אוֹיפְשְׁטֶעלְנְדִיג זִיךְ פוּן פְּלַאץ אִיז הֶערְשִׁי צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר און גֶעזָאגְט: "מֶענְדִי, אַ גְרוֹיסְן שְׁכּ'חַ פַארְן זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ שְׁטֵיין קֶעגְן אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹלָם און אוֹיסְטְרֶעטְן אַ וֶועג פַאר נָאךְ אִינְגְלֶעךְ, אִין דַיין זְכוּת הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעגֶעסְן צוּם זֶעט און הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶע אִינֶערְלִיכֶע כֹּחוֹת דוּ פַארְמָאגְסְט!"

"שְׁ'כּחַ פַאר דִי חִיזוּק" - הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל - "אֶפְשָׁר קוּם צוּזַאמֶען בַּאדַאנְקֶען דֶעם קֶעכֶער, עֶר הָאט אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט, לָאמִיר אִים גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל".

הֶערְשִׁי הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט און מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בַּאדַאנְקֶען דֶעם נֵייעֶם קֶעכֶער.

וֶוער וֵוייסְט, אֶפְשָׁר אִין דֶעם זְכוּת

ל. סאקס

הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי מוּט וַוייטֶער צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶער הַנָאָה, אֲפִילוּ נָאךְ אַזַא אוּמְבַּא'טַעם'טֶע קַבָּלַת פָּנִים?

מֶענְדִי פַארְצֵיילְט וַוייטֶער פוּן זַיין טָאג: אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטוּן פְלַייסִיג מַיינֶע נַאכְט קְלֵיידֶער, אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין אִין בֶּעט גֶענוּג פְרִי, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען הֶערְן אַ טֶעיפּ לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט.

יֶעדֶע נַאכְט, אוֹיבּ מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן גֶענוּג פְרִי, לָאזְט מַיין מַאמֶע אָנְצִינְדְן אַ טֶעיפּ אוּן מֶען מַאכְט אַ רֵייעֶ, יֶעדְן טָאג וֶועלְט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד אוֹיס וֶועלְכֶע טֶעיפּ מֶען זָאל הַיינְט הֶערְן, אוּן הַיינְט אִיז מַיין רֵייעֶ! אִיךְ וִויל מֶען זָאל הֶערְן דִי נֵייעֶ מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ עֶס אַזוֹי לִיבּ, אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין כִּמְעַט אַ וָואךְ אוֹיף מַיין רֵייעֶ!

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט דִי בֶּעטְן פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, כְּדֵי מֶען זָאל שׁוֹין קֶענֶען וִוי שְׁנֶעלֶער אָנְצִינְדְן דִי טֶעיפּ.

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז גֶעוֶוען.



# קליין און פיין



אליעזר שלמה און יצחק יעקב לעווי



סענדי שווארץ



משפחת מזרחי קריעת ים סוף



שיינדי און שרי אינדיג



עטי, חילע, אדי כץ



משפחת פעקעטע, קריעת ים סוף



שמשון דעפריס



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש



נפתלי פייגי יוסי שיינדי און שרי אינדיג



משפחת בירנבוים

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



נפתלי און מרדכי העסקעל



יחזקאל דעפריס



אליעזר שלמה און ישעי פיש



דינה יאקאבאוויטש



מענדי יאקאבאוויטש



נתי פוקס



מאטי פפנהיים



נחמן יאקאבאוויטש



אליעזר שלמה וועבערמאן



אליעזר שלמה איינהארן



מאטי לב




שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# בלאט
# פארמאסט

1



אברהם יצחק פוקס

2



אליעזר שלמה וועבערמאן

3



משפחת גאטליב

4



משפחת פורסט

5



משפחת אינדיג

6



שלום פרידמאן

7



יוסף יהושע ווערטהיימער

8




משפחת פוקס

9



נחמן נתן שניצלער

10



שמואל בירנבוים

11



שלום פרידמאן

12



פייגי אינדיג

13



ריזל וועבערמאן

14




נפתלי אינדיג

15



שמואל בירנבוים

16



נחמן נתן שניצלער

17




משפחת אינדיג

18




משפחת פעקעטע

19




אליעזר שלמה שניצלער

20



ערשטע קלאס שטעטל

21



משפחת אינדיג

22



דינה יאקאבאוויטש

23



משפחת שטראסער

24



אליעזר שלמה שטראססער

25



נפתלי און מאטי העסקעל

26



משפחת יואל וועבערמאן

27



שלום און מענדל פרידמאן

28



סילקי ראטענבערג

29




שרי פערל

30



יצחק אין משולם פייש אינדיג

31



אליעזר שלמה טייטלבוים

32



תלמוד פון קרית יואל

33



נפתלי אינדיג - פרוכט האלטער

34



משפחת יאקאבאוויטש

35



משפחת אפפעלבוים

36



משפחת א. ה. וועבערמאן

37



משפחת א. ה. וועבערמאן

38



משפחת יואל וועבערמאן

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט אויסדערוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

## "חמשה עשר פארמעסט"

מען קען שטימען ביז זונטאג משפטים 8:00 ביינאכט די נאמבער צו טעקסטן און צו רופן איז 18453791161+

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



טעגליכע דף גמרא שיעור אין שטעטל



די טעגליכע דף גמרא שיעור אין ישיבה פון מו"ה דוד פוקס הי"ו




דער ראש ישיבה שליט"א אין א
שמועס מיט די חשובע מפיצים



דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די כולל אין שטעטל





ווייטערדיגע פארשריט ביי די ארבעט ביים האשקי שול אין שטעטל



מען גיסט די יסודות פאר די מקוה








די בחורים פון ישיבה אין ירושלים עיר הקודש ביים אנגרייטן די עסן




דער ראש ישיבה שליט"א קלאפט א מזוזה ביי די פאבריק פון מו"ה מרדכי אהרן הלפרין הי"ו



תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב אריינגעקומען אין ישיבה צו דאווענען שחרית ראש חודש שבט




א באזוך אין שטעטל ישיבה - ב בא תשפ"ה


Eli Friedman
כבוד
הזמנת
מוצ"ש פרשת יתרו - י"ז שבט הבעל"ט יומא דהילולא של מוהרא"ש זי"ע
סדר המעמד
נטילת ידים 8:30
זמירות 9:10
יושב ראש המעמד
מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו
9:00
א בליק אויף צוריק
אינהאלטסרייכע
לייוו שמועס מיט
מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו
און מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו
9:40
דבר המוסד
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 10:10
חלוקת פרסים 10:20
דער אווענט איז
פאר אלע אנ"ש
מיט די משפחות
משא המעמד
מורינו ראש ישיבה שליט"א
10:30
א שיינע מתנה וועט
פארטיילט ווערן פאר
אלע באטייליגטע
ברכת המזון 11:15
דעם
מוצאי
שבת
אין זאלן פון
THE HCS RESORT
720 Heiden Rd,
South Fallsburg,
NY 12779
גאסט רעדנער
מו"ה אפרים ענגליש הי"ו
וועט פארציילן זיין רירנדע
סיפור התקרבות